№ 19

פרייז 20 גראשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

אבאנאמענטס-פרייז א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאן נר. 22-01
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראשען — נאכ'ן טעקסט 20 גראשען
אין טעקסט 60 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט העלט 8 אנאנסען שפאלטען.

Częstochowa, Piątek 12 maja 1939 — ליכט-צינדען 6,59 — פרייטאג פ' בהר בחקותי כ"ג אייר תרצ"ט

אלע האנדווערקער

שטימען צו די שטאדט-ראט-וואהלען דעם 21 מאי פאר'ן

פעראייניגטען יודישען וואהל = בלאק!

אונזער געשעצטער-פריינד ה' **אלעזר ריכטיגער** און פרוי צו די תנאים פון זייער זוהן **שלמה** מיט פרל. **גיטל גאלא** מזל-טוב און א סך נחת.
אדמיניסטראציע „טשענסטאכאווער צייטונג".

הבר **חיים בירענהאלץ**
נעם צו מיינע מערשפעטיגטע אבער הארציגע מזל-טוב-ברכות צו דיין חתונה
עזריאל יאקובאוויטש
תל-אביב.

וואהל-קאמיטעט צום שטאדט-ראט ביים צענטראלען קליינהענדלער-פערבאנד אין טשענסטאכאוו.

צו די יודישע סוחרים, דעטאליסטען, קליינהענדלער, קליינאינדוסט-ריעלער, מארק-שטייער און פאלקס-מאסען אין טשענסטאכאוו!

זונטאג, דעם 21 מאי קומען פאר די וואהלען צום שטאדט-ראט.
געדענקט דעריבער, אז מיט אייער שטים וועט איהר דארפען דעצידירען **וועגען אייער אייגענעם גורל!** אלע יודישע סוחרים, דעטאליסטען, קליינ-הענדלער, קליינאינדוסטריעלער, מארקשטייער און סתם יודען וועהלען נור די קאנדידאטען, וועלכע זענען שטענדיג גרייט אייך צו קומען צו הילף אין אייער נויט און בעדרענגענדען מאמענט.
געדענקט, אז מיט אייער שטים וועט איהר דארפען אויסדריקען אייער צא־רן און עמפערונג לגבי די עולות, וועלכע זענען בעגרינדעטען געווארען לגבי אייך און אייער ארגאניזאציע.
ווי"ט איהר ארייננעהמען אין שטאדט-ראט דרייסטע און מוטיגע יודישע ראטמענער – **דאן שטימט נור אויף די קליינהענדלער - קאנדידאטען,** וועלכעס געזעלשאפטליכע ארבייט איז אייך גוט בעקאנט.

אייערע קאנדידאטען אין 10 טען וואהל קרייז זענען:
ס־עזעס **א. עפשטיין** און וויצע-פרעזעס **דוד פיליפאוויטש**
אין 11 טען וואהל - קרייז:
וויצע פ עזעס **חיים פריינדמויצער** און **יחזקאל טאפאר**
זאל קיין איין שטים אונזערס נישט אוועקגעגע־בען ווערען פאר קיין אנדערע קאנדידאטען!!!

רייזעס באליוויע 1950 זל.
אויפ'ן גרונד פון ספעציעלע איינריזע-ערלויבנישען נאך
קובא און אנדערע לענדער.
איינשריי־בונגען **ארבים, ווארשא, נאלעווקי 8** און אלע אבטיילונגען

Kino „BAŁTYK" אגראדאחט 14–16
שוידערליכע דראמע פון מענשליכער אונגערעכטיגקייט!
ZA CUDZE WINY...
אין די הויפט-ראלען: **ווארנער באקסטער** און **גלאריא סטוארט.**

B. P.

ADELA BULWOWA

zmarła w Warszawie dnia 8 b. m.
o czym zawiadamiają pozostali
w nieutulonym żalu
Mąż, synowie, córki, wnuki, wnuczki, zięciowie i rodzina.

יודישע וועהלער!

ערפילט אייער בירגערליכען און נאציאנאלען חוב, געהט דעם 21 מאי ד. י. צו די וואהל-אורנעס און גיט אב אייערע שטימען פאר דער ליסטע פון

פעראייניגטען יודישען וואהל-בלאק!

אונזערע קאנדידאטען זענען:

5 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 6 אדוו. דר. חיים מארקאוויטש	6 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 6 אדוו. ז. פראפארט	9 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 6 אדוו. דר. לייב אש
10 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 5 דר. ארנאלד בראם פעליקס שפירא דוד באושיקאווסקי חיים הענקסלער	11 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 8 יעקב ראזענבערג יוסף גאלדבערג דר. משה מערינג רר. תנחום לעווקאוויטש	12 וואהל - קרייז – ליסטע נר. 7 יעקב זשארנאוויעצקי דר. א. בערנשטיין

ZAKŁAD ROENTGENOLOGICZNY
D-ra med. A. BRAMA
po zmontowaniu nowego aparatu roentgenologicznego CZYNNY
Aleja Wolności 10.

Podziękowanie.
WPanu Doktorowi M. Hallemanowi
za troskliwą opiekę, jaką otaczał żonę moją w czasie porodu, wyrażam słowa najgłębszego uznania oraz podziękowania.
ZELIG GOTTAJNER
Częstochowa, Katedralna 7.

דער פערבליבענער פאמיליע פון אונזער געוועזענעם רבי'ן
יחיאל גרילאק ז"ל
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
י. גליק, י. ארבאך,
מ. פראווער, פ. זילבערבערג.

Szczepienie ochronne
przeciwko ospie świeżą krowianką szczepi
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאוו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ **12 גר.**
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

קאראלא ווייספעלנער   ישראל יצחק גאמולינסקי

תנאים געשריבען
טשענסטאכאוו, אין מאי 1939 י.

צו די תנאים פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער **קאראלא ווייספעלנער**
מיט ה' **ישראל יצחק גאמולינסקי**
אונזערע הארציגסטע ברכות
עלטערן און געשוויסטער.

מזל-טוב צו די תנאים פון פרל. **קאראלא ווייספעלנער**
מיט ה' **ישראל יצחק גאמולינסקי**
די עלטערן, פאמיליע ווייספעלנער, ווינשען מיר מיעל נחת
ישעיהו גראנעק, פרוי און פאמיליע.

צו די תנאים פון אונזער חבר **ישראל יצחק גאמולינסקי**
מיט פרל. **קאראלא ווייספעלנער**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב
יצחק וואזשניצע, יעקב וואזשניצע און פרוי

שבת, דעם 27 מאי 6 אווענד אין ערשטען טערמין און 7 אווענד אין צווייטען טערמין אין אייגענעם לאקאל קומט פאר די

יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון „טאז"

מיט פאלגענדען סדר-היום: א. וואהלען פון א פרעזידיום פון דער פערזאמלונג, ב. לייענען דעם פראטאקאל, ג. טעטיגקייט און פינאנץ-בעריכט פאר'ן יאהר 1938–39, ד. בעריכט פון דער רעווידיר-קאמיסיע, ה. פרעלימינאר בודזשעט פאר'ן יאהר 39–40, ו. ערגענצונגס וואהלען פון א פערוואלטונג און רעווי-דיר-קאמיסיע, ז. פרייע פארשלאגען.

Łączę się w bólu z współpracowniczką
p. FELĄ FRENKENBERŻANKĄ
z powodu przedwczesnego zgonu ukochanego Ojca Jej
b. p. ARONA
i wyrażam najgłębsze współczucie
JULIAN SZAJA

Pannie FELI FRENKENBERŻANCE z powodu zgonu Ojca Jej
b. p. ARONA
wyrażają najgłębsze współczucie
ROBOTNICE i ROBOTNICY
fabryki wyrobów metalowych
i części rowerowych Julian Szaja

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פריינדין **פעלא פרענקענבערג**
צום טויט פון איהר ליבען פאטער
נ"ע אהרן
און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
חברים און פרייגד:
גוטקא חילינגער, יאדזיא סעצעמסקי, טובא אייבענהאלד,
מאניא קארמאזין, סולקאווסקי, גשווערצמאן און האלאנד.

נאָטיצען

זיי זענען זיך שוין מודה

א ווילדע העצע איז געפיהרט געוואָרען געגען יודישען צבור אין פוילען, אז זיי האבען ביי דער לופט־פערטיידיגונגס־הלוואה כלומרשט נישט ערפולט זייער התחייבות לגבי דעם פאטערלאַנד.

דעם סאָך צו דער דאָזיגער העצע האבען געגעבען די אָפּאָזיציע פון די אַנטיסעמיטישע פאַרטייען אין דער הויפּט־שטאָדט און נאָך זיי האבען שוין אַלע פּראָווינצער האָזקער נאָכגעטאַנצט הווסא נא ושידא!

ווי זעהט עס פאַקטיש אויס אין דער ווירקליכקייט? כאָטש מיר האבען נאָך נישט די גענויע סטאַטיסטיק, נאָר לויט'ן פּראָוויזאָרישען צוזאַמענשטעל האבען די יודען פּראָפּאָרציאָנעל געצייכענט א סך.

וועגען דעם פערשווייגט מען, וועגען דעם קיין איין וואָרט נישט, וואָרום צו וואס דאַרפען זיך די פּוילישע מאַסען דערוויסען? זיי דאַרף מען נאָר שפּייזען מיט גיפט און האס אויף יודען, קיין איין וואָרט אבער נישט וועגען דעם פּאַטריאָטיזם פון יודען.

הפּנים אָבער, אז אפילו די פּראָפעסיאָנעלע העצער קאָנען שוין אזוי פיעל נישט מעיז פּנים זיין און זיי מוזען בעל כרחך מודה זיין, אז יודען האבען עפּעס יאָ ערפולט זייער חוב, מיט'ן גאַנצען מויל זאגט מען עס אָבער נישט.

א פאַקט איז אָבער, אז דאָס פּוילישע יודענטום האט ארויסגעוויזען די גרעסטע אָנשטרענגונג ביים ערפולען זייער התחייבות לגבי דעם פאָטערלאַנד און זאָל דאָס פערצייכענט ווערען לדורות. וואָרום אפילו זיי, די העצער זענען זיך שוין אויך מודה.

אַלע טשענסטאָכאָווער יודען שטימען פאַר די ליסטעס פון איינהייטליכען בלאָק

עס איז א דערפרייענדע ערשיינונג, וואס אין אונזער טשענסטאָכאָוו, וואס איז ביז נישט לאַנג געווען א שטאָדט, וואו יודען האבען זיך צווישען זיך ארומגעקריגט, איז ביי די איצטיגע שטאָדט־ראַט וואַהלען געשאַפען געוואָרען אַן איינהייטליכער בלאָק פון אַלע יודען.

די דאָזיגע פאַראייניגונג איז נישט קיין צופעליגע, עס איז א גורם פון די בעדינגונגען אין וועלכע מיר לעבען איצט. די יודישע אַרשטעהער האבען פערשטאַנען, אז אין שטאָדט־ראַט וועט מען נישט פערפאָלגען יודען דערפאַר, ווייל זיי געהערען צו דער אָדער יענער פאַרטיי, נאָר דערפאַר בלויז, ווייל זיי זענען יודען, סאָ צו וואס די פּאַרטייאישקייט?

די אַנטיסעמיטען זענען פאַראינטערעסירט, אז דאס יודישע טשענסטאָכאָוו זאָל געהן צום שטאָדט־ראַט צושפּליטערט, ווייל די יודישע צוריסענקייט איז אייל אויף זייערע רעדער. זייער אויפגאַבע איז דאָך וואס ווייניגער יודען צו האבען אין שטאָדט־ראַט און דאס קאָן נאָר געשעהן ווען יודען וועלען געהן בעזונדער.

דער געזונדער יודישער חוש, דאס אחדות געפיהל פון די יודישע כלל־טהוער, האט דאס מאל גובר געווען די פאַרטיי אַמביציעס און אַלע, אָהן אויסנאַהם, אָהן אונטערשיד פון פאַרטיי און ריכטונג האבען זיך אנגעשלאָסען אין דעם איינהייטליכען יודישען בלאָק.

ביי יודען קאָן אָבער די שמחה נישט זיין קיין פולשטענדיגע. אין דעם איינהייטליכען בלאָק געהען נישט דער „בונד" און נישט דער קליינהענדלער־פעראיין, וועלכע מאכען שבת פאַר זיך.

דאָס, וואס די דערמאנטע געהן בעזונדער האט ארויסגערופען א גרויסע שמחה ביי אונזערע שונאים, אָט רעדט מען וועגען יודישע אחדות און דאָך האט זיך געפונען אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האט זיך פורש מן הצבור געווען.

עס איז טרויעריג, אָבער נישט געפעהרליך.

די יודישע מאַסען־וועהלער זענען שוין גענוג רייף צו פערשטעהן, אז אין אחדות ליגט דער כח און איבערהויפּט היינט, ווען אונזער לעבען איז אין סכנה, ווען מען לויערט אויף אונז, איז מעהר ווי אַלעמאָל נויטיג די איינהייט פון יודישען צבור.

מיר קאָנען זיך קריגען צווישען זיך אין אונזער אייגען יודיש ווינקעל, שלאָגען זיך, אָבער בעת דער שונא בעלאַגערט אונזערע מויערן, איז א צושפּליטערונג, א פערראַט געגען דעם פאָלק.

מיר האבען אונזער זעלבסטשטענדיגקייט פערלוירען צוליעב מחלוקת, אַלע יודישע צרות נעמען זיך פון אונזער אינערליכער צוריסענקייט און ס'איז שוין די העכסטע צייט צו פערשטעהן, אז מיר אליין זענען שולדיג אין אונזער אומגליק.

צו די איצטיגע שטאָדט־ראַט־וואַהלען געהען מיר אַנטקעגען דעם שונא, וועלכער וויל אונז פערניכטען, מוזען מיר קודם כל אין דער ערשטער רייהע האבען א צעמענטירטע איינהייט, און ווער עס שטערט די איינהייט, שטערט דאס יודישע לעבען און העלפט אונדירעקט צו אונזערע שונאים.

די יודישע מאַסען־וועהלער פערשטעהען דאָס און דעריבער וועלען אַלע יודען אין טשענסטאָכאָוו, אַלע ווי איינער שטימען נאָר פאַר דער איינציגער כלל־ישראל ליסטע, פאַר די ליסטעס פון איינהייטליכען יודישען בלאָק.

ש. פראנק

קורצע ידיעות פון דער וואָך

– פרייטאג דעם 6 ד. ח. איז דורכ'ן שאַריזש ד'אַפער ביי דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין בערלין ראַט ליבאַמירסקי איבערגעגעבען געוואָרען דעם דייטשען אויסערן־מיניסטעריום דער ענטפער פון דער פּוילישער רעגירונג אויפ'ן דייטשען מעמאָראַנדום פון 28 טען פ. ח.

– די רעדע פון מיניסטער בעק אין סיים, וואס איז געווען אַן ענטפער אויף היטלער'ס רעדע אין רייכסטאג, האט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער וועלט געמאכט א שטאַרקען רושם. מיניסטער בעק'ס רעדע האט זיך אונטערשיידעט דערמיט, וואס זי איז געהאַלטען געוואָרען אין א רוהיגער פּאַרלאַמענטאַרישער טאָן און האט גלייכצייטיג אויף אַן'ענטשלאָסענעם קאַטעגאָרישען אופן אָבגעוואָרפען דייטשלאַנד'ס נישט בערעכטיגטע פּרעטענסיעס צו דאַנציג און אַן עקסטעריטאָריאַלער אויטאָסטראַדע דורך פּאָמערן.

– אין גאַנץ דייטשלאַנד איז לויט א וואונק פון פּראָפּאַגאַנדע מיניסטעריום אין אָנהויב נישט איבערגעגעבען געוואָרען מיניסטער בעק'ס רעדע, ערשט נאָך איינציגע טעג האט די דייטשע פּרעסע אָנגעהויבען נעמען שטעלונג און בקיצור אָבגעדריקט דעם אינהאַלט.

– פרייטאג דעם 6 טען ד. ח. 12 בייטאג האט דאס ענגלישע קעניגליכע פּאָר פערלאָזט לאָנדאָן און אָבגעפאָהרען קיין קאַנאַדע און פעראייניגטע שטאַאַטען, וואו זיי וועלען פערבלייבען ביז'ן 20 טען יוני. דאס איז דער ערשטער פאַל, ווען אַן ענגלישער קעניג וועט בעזוכען אַמעריקא.

– די דייטשע פּרעסע האט ווידער אָנגעהויבען אַטאַקירען פוילען פאַר כלומרשטע אָנפאַלען אויף דייטשען. דאס איז היטלער'ס אָנ'אַלט אויסגעפּרובטע מיטעל, מיט וועלכען ער בענוצט זיך איבעראַל, ווען ער וויל עפּיס אויסאיבען, אָדער ווייזען דער וועלט, ווי אזוי מען בעהאַנדעלט די דייטשע מינדערהייט נעבּיך.

– די בעגעגעניש צווישען ביידע אויסערן־מיניסטאָרען פון ריבענטראָפּ מיט'ן גראף טשיאַנאָ איז פאָרגעקומען אין מילאַנדער רעגירונגס פּאַלאַץ, וואו זיי האבען אָנגעהויבען געשפּרעכען וועגען אַן'ענגער צוזאַמענאַרבייט צווישען איטאַליען און דייטשלאַנד.

– ס'וואָרט איבערגעגעבען, אז איטאַליען איבט אויס א דרוק אויף דייטשלאַנד, אז אין דער פראַגע דאַנציג זאָל דייטשלאַנד זיין מילדער און נאָכגיביגער און ערלעדיגען דעם קאָנפליקט אויף א פרידליכען אופן.

– די פרוי פון אַדוואָקאַט קוצאַרסקי, וועלכע איז פאַריגע וואָך געמשפּט געוואָרען אין וואַרשאַווער קרייז־געריכט פאַר ערמאָרדען איהר ברודער ארכיטעקט גערשעווסקי – האט בעקומען 15 יאָהר תפיסה. דער פּראָקוראָר און פערטיידיגער האבען אָנגעזאָגט אַנ'אַפּעלאַציע.

– באַליוויען האט אָבגעשטעלט אויף 6 חדשים צייט דאס ארויסגעבען וויזעס פאַר יודישע איינוואַנדערער. די דאָזיגע ידיעה האט געמאַכט א שווערען איינדרוק אין די יודישע עמיגראַציע־קרייזען.

– סיי די דימיסיע פון סאָוויעטישען אויסערן קאָמיסאַר ליטווינאָוו און סיי די ווייטערדיגע געשטאַלטונג פון דער רוסישער אויסערן־פּאָליטיק איז נאָך אַלץ נישט גענוי אויפגעקלערט און געפינט זיך אין סטאַדיום פון דעצידירענדע שריט. דייטשלאַנד וויל האבען, אז די דימיסיע בעדייט א צוריקציִונג פון אייראָפּעאישער צוזאַמענאַרבייט און פאַריז–לאָנדאָן טייטשען אויך, אז ערשט איצט וועט קאָנען שנעל רעאַליזירט ווערען דער סאָוויעטיש ענגלישער מיליטערישער פּאַקט, ווייל ליטווינאָוו איז געווען א געגנער פון ביילאַטעראַלע אָבמאַכען.

– נאָך לאַנגע געשפּרעכען און בעראַטונגען פון ריבענטראָפּ'ן מיט גראף טשיאַנאָ איז צווישען דייטשלאַנד און איטאַליען געשלאָסען געוואָרען א מיליטערישער אָבמאַך. דאס דאָזיגע האט אָבער נישט ארויסגערופען קיין שטאַרקען אָבקלאַנג אין אויסלאַנד, ווייל מען ווייסט שוין לאַנג, אז דערווייל איז איטאַליען געצוואונגען צו גיין אין שפּאַן פון היטלער'ן. לאָנדאָן רופט דאס זאָגער אָן: דער נייער בלאָף פון דייטשלאַנד.

– קיין וואַרשא איז געקומען מיט א בעזוך דער גענעראַל פון דער ליטווישער אַרמעע ראַשטיקיס. נאכ'ן ווילען אין פוילען פון עסטאָנישען גענעראַל ליידאָנער, איז עס א בעווייז, אז די פוילישע רעגירונג שטרעבט צו בעפעסטיגען איהרע פּאָזיציעס ביי די בעפריינדעטע באַלטישע מלוכות.

– נאָך א שעה'דיגער קאָנפערענץ פון ענגלישען אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווא מיט'ן נייעם אויסערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו, איז בעוואוסט געוואָרען, אז ענגלאַנד לייגט פאַר די סאָוויעטען תיכף צו שליסען א מיליטערישען אָבמאַך. די נייע פאָרשלאָגען פון אַמבאַסאַדאָר סידס זאָלען גינסטיג האבען אויפגענומען געוואָרען דורך מאָלאָטאָוו'ן, וועלכער דאַרף אין די נאָהנטסטע טעג געבען ענטפער.

– דער סיים האט איינשטימיג געגעבען דער רעגירונג פולמאַכטען, וועלכע זענען גילטיג ביז'ן 30 נאָוועמבער ד. י., דאס הייסט אויף 6 חדשים.

– די אויסערן־מיניסטאָרען פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, ווי: שוועדען, נאָרוועגיען, פינלאַנד אויך דענעמאַרק, האבען אָבגעוואָרפען דעם דייטשען פאָרשלאַג וועגען שליסען א נישט־אַגרעסיע־פּאַקט, מאָטיווירענדיג דאס דערמיט, וואס זיי ווילען ווייטער איינהאַלטען זייער נייטראַליטעט. די דאָזיגע ידיעה האט אין דער גאַנצער וועלט געמאַכט א קאָלאָסאַלען רושם, ספּעציעל איז דאס שייך דענעמאַרק, וועלכע האט א דירעקטע גרעניץ מיט דייטשלאַנד און האט זיך אויך נישט געלאָזט אָבשרעקען.

– די לעצטע דעפּעשען מעלדען, אז אויך שווייצאַריען האט אָבגעוואָרפען דעם דייטשען פאָרשלאַג וועגען א נישט־אַגרעסיע־פּאַקט.

וועגען א טעמא אויף א פעליעטאָן...

קליינער פעליעטאָן

איך בין געזעסען ביים שרייב־טיש און געזוכט א טעמא אויף א פעליעטאָן. כאָטש ס'זענען דא אזוי פיעל טעמעס, האָב איך אָבער פאָרט נישט געקאָנט אָנכאַפּען קיין שום קאָנטאַקט צו א טעמא.

אזוי למשל, האָב איך געוואָלט מיין פעליעטאָן ווידמען דער פּיאַנע פון דער סובסקריפּציע, וועלכע איז נישט פערענדיגט געוואָרען. איך האָב געוואָלט בעווייזען, אז די פּוילישע יודען, כאָטש עס געהט לעבענס א טענדענץ זיי צו עלעמינירען פון זייערע רעכט צום לעבען, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש, האבען דאָך ערפולט זייער חוב איבער'ן יכולת און איבער דער געהעריגער נאָרמע, האָב איך אָבער דערפון רעזיגנירט, ווייל זעהענדיג די העצע, וועלכע האט זיך אָרום דעם געשאַפען פון די אייביגע העצער, האט מיך אָנגעכאַפּט א גרויל! אַלע יודען־פיינדליכע צייטונגען האבען, ווי לויט א בעפעהל, אָנגעהויבען צו העצען, אז יודען ווילען נישט געבען אויף דער הלואה. און געה ווייז זיי אויס, אז טאָקי נאָר יודען און טאָקי די גע'ווּרפּ'טע געפּלאָגטע יודען, אז נאָר זיי האבען זיך אָנגעשטרענגט איבער די כחות און טאָקי יאָ געגעבען און גראָד די העצער האבען זיך ארויסגערעדט פון צו ערפולען זייער פּאַטריאָטישען חוב.

ווי איהר זעהט, קאָן מען פון דער דאָזיגער סובסקריפּציע און איבערהויפּט פון דער שענדליכער העצע, וואס די נישט־יודישע צייטונגען האבען אָרום דעם געפיה'ט, נישט אויסנוצען אַלס א טעמא פאַר א פעליעטאָן...

האָב איך געוואָלט מאכען א פעליעטאָן פון דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע וועגען דער מלחמה שטימונג. עפּעס איז יאָ מלחמה, עפּיס איז נישט מלחמה. און איבערהויפּט האָב איך געוואָלט נעמען אויפ'ן וואָרשטאַט די רעדעס, וואס ווערען אזוי פיעל געהאַלטען דורך די דייטשע ראַדיאָס, אז אין אַלע צרות, וואס קומען אויף דייטשלאַנד זענען שולדיג נאָר די פערשאָלטענע... יודען. אזוי האָב איך, למשל, נעכטען געהערט רעדען א דייטשען גדול, אז לעולם, וואָלט פוילען מיט פערגעניגען אָנגענומען און נאָך געדאַנקט פאַר'ן חסד, וואס דייטשלאַנד וויל נאָר בלויז דאַנציג און די אויטאָסטראַדע, ווען נישט דאס אינטערנאַציאָנאַלע יודענטום, וואס לאָזט נישט צו דערצו.

אויך דאס אַמעריקאַנער יודענטום מיט זייער יודישען פּרעזידענט רוזוועלט הצט געגען דעם אונשולדיגען דייטשלאַנד, וועלכער איז דער איינציגער רודף שלום'ניק אויף דער וועלט און נאָר די יודען ווילען אונטערדריקען דייטשלאַנד.

נו, איז דען דאס מאַטעריאַל נישט קיין גלענצענדע טעמא אויף א פעליעטאָן? ערשטענס, וואָלט מען דאָך געקאָנט חוזק מאכען פון דער היטלעריאַדע און זיי ערקלערען פאַר חסר־דעה'ניקעס, וואָרום, צו האבען די יודען פערשטעפּט היטלערן, צו דער „פיהרער" מיט זיינע יוצר־משרתים האבען גאָר ערקלערט א קאַמף דעם וועלט יודענטום. און טאָקי מיט שווערד און פייער בעמיהען זיי זיך אונז צו פערטיליגען און זיי שלאָגען אונז טאָקי און מאַכען אַן חורבות אין דער מחנה, סאָ וואס איז דאס וואונדער, אז מיר האסען דאס איצטיגע היטלער־דייטשלאַנד?

צווייטענס וואָלט מען דאָך געקאָנט איהם ווארפען זיין דעמאַגאָגישע ליגענד אין פּרצוף אריין. דאס וועלט־יודענטום, וואס ווערט לעצטענס אזוי שווער געפּרובט, שטרעבט נאָך שלום און רוה, ווייל נאָר אין שלום־צייטען, קאָנען מיר לעבען און מלחמה איז קודם כל פאַר יודען ביטער, ווייל סיי דער זיגער סיי דער בעזיגטער, לאָזט אויס דעם כעס צום שעיר לעזאזל, צום יוד.

מאכען אָבער פון דעם א פעליעטאָן און אָב'חוזק'ן פון היטלער־דייטשלאַנד, וועלכעס געפינט זיך יעצט אין א מצורה צוגעדריקט צו דער וואַנד און איבערהויפּט צוליעב דעם, וואס זיי פעהלט נעבעך אויס א שטיקעל פוטער און אַנדערע פּראָדוקטען, וואס נוצען פאַר'ן מאגען, האָב איך נישט קיין הארץ. אמת, זיי האבען זיך פערדינט, אז מען זאָל פון זיי אָב'חוזק'ן אין א פעליעטאָן, נאָר אזא נוקם ונוטר בין איך פאָרט נישט – נו, מילא, קאָן מען פון דעם אויך נישט מאכען קיין פעליעטאָן...

האָב איך געוואָלט אויסנוצען דאָס מאַי־וועטער אַלס פעליעטאָן. אַלע מאָל, אז עס קומט מאַי שיינט א פריהלינגס־זון, וועלכע וואַרימט אָב די קאַלטע ביינער. גאָט'ס וועלט ווערט שעהן און ליכטיג, אזוי, אז אפילו פעסימיסטען גלוסט זיך צו לעבען אויף דער וועלט.

און ווי זינגט דאס דאָרט דאס לידעל: ווידער איז דער מאַי געקומען מיט זיין צייבער אין פּראַכט, אַלע גרינ'ען, אַלע בלימען האבען ווידער אויפגעוואַכט. דער היי'ריגער מאַי איז אָבער אָנגעקומען אין לאַנד אריין א קאַלטער, א רעגענדיגער, יעדענפאַלס די ערשטע טעג פון מאַי. האָב איך געקאָנט נעמען דעם מאַי און פערגלייכען צו דער איצטיגער שטימונג, מאכען א פילאָזאָפישען אויספיהר, אז די נאַטור טרויערט אויך איבער דער מענשליכער רשעות און וויל זיי נישט שענקען פון איהר עשירות.

איך וואָלט טאָקי געקאָנט דאס אויסנוצען אַלס א טעמא פאַר א פעליעטאָן, האָב איך ווידער מורא אָנצוהויבען מיט דער נאַטור. איבעריגענס, ווייל איך נישט קאָנקורירען מיט'ן „פּים", אז זיי קאָנען נישט אדורכקומען צווישען זיך, וואָרום טאָמער זאגט דער „פּים", אז מאָרגען וועט זיין שעהן, נעמט די נאַטור און מאכט משה קאַפּויער, אזוי, אז דאס איז פאַר מיר נישט קיין טעמא.

איך האָב שוין אפילו געטראַכט אויסצונוצען די וואַהלען צום שטאָדט־ראַט אַלס א טעמע אויף א פעליעטאָן. איך האָב אויך געוואָלט דערצעהלען, אז איינדערצייט ווען אַלע יודען האבען זיך אין דער איצטיגער גרוילכער צייט פאַר יודען פעראייניגט אין איין בלאָק, זענען געקומען די בונדיסטען פון איין זייט און די קליינהענדלער, וועלכע זענען א טייל פון כלל ישראל, פון דער צווייטער זייט און קריכען ארויס מיט אייגענע ליסטעס.

איך האָב געוואָלט דאָס אויסלאַכען און בעווייזען, אז די יודישע מאַסען וועלען פערשטעהן, אז איצט איז די צייט פון פאַראייניגונג און נישט פון צעריסענהייט. איז אָבער דער פאַקט גופא, וואס א טייל, טאָקי א קליינער טייל האט זיך אָבגעריסען פון כלל ישראל, צופיעל טרויעריג, אז מען זאָל דערפון מאכען א פעליעטאָן.

זיץ איך אזוי און טראַכט: וואס נעמט מען פאָרט אַלס א טעמא פאַר א פעליעטאָן? און אז דאס מוז זיין איז דאָך בלי ספק, וואָרום איהר קאָנט נישט מיין רעדאַקטאָר. ער איז ווי יענער בלאַכאַרזש, ער צאָהלט און פאָדערט... אָבער הפּנים, ס'איז מיר בעשערט געווען יאָ צו מאכען א פעליעטאָן. און דאס א דאַנק מיין הארציגען שכן, וועלכער קומט מיר שטענדיג צו נוץ, דאס איז אייער בעקאַנטער ישראל יודל, וועלכער איז צו מיר אריינגעקומען בעת איך בין געזעסען ביים שרייב־טיש פערטראַכט און געזוכט א טעמע אויף א פעליעטאָן.

– ישראל יודל – האָב איך זיך דערפרעהט מיט זיין אריינקומען – דערבאַרימט אייך, גיט מיר עפּיס א טעמא אויף א פעליעטאָן און דערביי דערצעהל איך איהם וועגען די אַלע טעמעס, וואס איך האָב געקאָנט און דאָך נישט געוואָלט מאכען דערפון קיין פעליעטאָן.

– כ'האָב – שרייט אויס מיין שכן – שרייבט אויף אָט די אַלע טעמעס, וואס איהר האט דא אויסגערעכענט און פון דעם אַלעם, וואס איהר האט נישט געוואָלט אויסנוצען איז א גענוגענדער פעליעטאָן.

איך האָב געפאָלגט מיין שכן און שרייב נישט קיין אייגענטליכען פעליעטאָן, נאָר בעגניגען זיך דאס מאָל מיט'ן דערצעהלען אייך ווי אזוי איך האָב געטראַכט וועגען א טעמא אויף א פעליעטאָן...

סמאַל

ד"ר א. גינזבורג

מיר זענען נישט ערגער, אויב נישט בעסער

די ווירקונג פון דער אנטיסעמיטישער העצע אויף יודען.

דער אמעריקאנער זשורנאל „פארטשון" האט אין פערלויף פון די לעצטע פינף חדשים געפינען פאר פאסיג צו מאכען צוויי אויספארשונגען וועגען דעם וואוקס פון דעם אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא. צוליעב וועלכע צוועקען און פארוואס דער „פארטשין" האט עס געטהון ווייס איך נישט. דאס דארף אבער יעדענפאלס בעווייזען, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אויך אין אמעריקא געווארען א פראגע פון טאג...

די ערשטע אויספארשונג האט געגעבען די פאלגענדע רעזולטאטען:

צוויי און פופציג און א האלב פראצענט (52 5%) האבען געענטפערט, אז דער אנסיסעמיטיזם וואקסט נישט. צוויי און דרייסיג און א האלב פראצענט (32.5%) האבען געענטפערט, אז ער וואקסט יא, פופצעהן פראצענט (15%) האבען געענטפערט, אז זיי ווייסען נישט.

די רעזולטאטען פון דער צווייטער אויספארשונג מיט פינף חדשים שפעטער, זענען:

פינף און פערציג מיט זיבען צעהנטעל פראצענט (45.7%) האבען געענטפערט, אז דער אנטיסעמיטיזם וואקסט נישט. דריי און דרייסיג מיט צוויי צעהנטעל פראצענט (33.2%) האבען געענטפערט, אז ער וואקסט יא. איין און צוואנציג מיט איין צעהנטעל פראצענט (21.1%) האבען געענטפערט, אז זיי ווייסען נישט.

אויב מען זאל גלויבען אין די דאזיגע ציפערען, וועט עס הייסען, אז אין פערלויף פון די לעצטע פינף מאנאטען איז די צאהל פון די, וואס גלויבען, אז דער אנטיסעמיטיזם וואקסט נישט. געווארען קלענער אויף העכער ווי זיבען פראצענט און די צאהל פון די, וואס גלויבען, אז ער וואקסט יא, געווארען גרעסער אויף זיבען צעהנטעל פון איין פראצענט, דאס דארף בעווייזען, אויב מען זאל גלויבען אין די נעבראכטע ציפערען, אז דער אנטיסעמיטיזם וואקסט אין אמעריקא.

* * *

איז עס פאר מיר קיין איבעראשונג נישט. דער אנטיסעמיטיזם האט אין זיך אלע כאראקטעריסטישע איינצעלנהייטען פון אן אנשטעקענדער קראנקהייט, לאמיר נעהמען די גריפע אלס ביישפיעל. די מיקראבען, וואס רופען ארויס די דאזיגע קראנקהייט, געפינען זיך שטענדיג ביי אונז און מיט אונז. אין געוועהנליכע צייטען געפינען זיי זיך אין א רוהיגען אדער שלעפערדיגען צושטאנד. דא און דארט קומען פאר איינצעלנע אדער „ספאראדישע" פאלען פון דער קראנקהייט. פלוצלונג, אהן א שום ווארנונג, נעהמען זיך די מיקראבען צו זייער טויטליכער ארבייט. די קראנקהייט נעמט דאן אן דעם כאראקטער פון א עפידעמיע, און מאנכעס מאל אפילו פון אן'ענדעמיע. זי פערשפרייט זיך מיט א געוואלדיגער שנעלקייט פון לאנד צו לאנד און איהרע קרבנות צעהלען זיך נישט מעהר אין איינצעלנע אדער צעהנדליגער, נאר אין טויזענדער און אין הונדערטער-טויזענדער. פארוואס די דאזיגע גריפע מיקראבען, וואס זענען געוועהנליך אין א האלב-שלעפערדיגען צושטאנד און כמעט אומשעדליך, פאנגען פלוצלונג אן צו ווערען טעטיג און טויטליך. איז נישט אינגאנצען קלאר. עס איז צו גלויבען, אז די ענדערונג קומט פאר נישט אין די מיקראבען, נאר אין די מענשען. די מענשען האבען צוליב אזא אדער אן'אנדער אורזאך, פערלוירען זייער ווידערשטאנדס קראפט געגען דעם גיפט פון די דאזיגע מיקראבען. קריגען די מיקראבען די אויבערהאנד און עס ברעכט אויס אן'עפידעמיע.

כמעט דאס זעלבע איז מיט דעם אנטיסעמיטיזם. דער מיקראב פון דעם אנטיסעמיטיזם געפינט זיך שטענדיג ביי אונז און מיט אונז. דער דאזיגער מיקראב איז די שנאה פון איין מענשען צום אנדערשדיגען. מענשען, ווי אלע אנדערע חיות, קענען נישט פערטראגען קיין אנדערשדיגקייט, ווייל זיי האבען מורא דערפאר. די מורא פיהרט צו שנאה.

אין געוועהנליכע רוהיגע צייטען נעפינט זיך דער דאזיגער שנאה מיקראב, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, אין א האלב שלעפערדיגען צושטאנד, זיינע קרבנות זענען דאן ווייניג אין צאהל. עס קומען דאן פאר בלויז איינצעלנע, ספאראדישע פאלען. קומען אבער אן אומרוהיגע צייטען פון מלחמות, רעוואלוציעס אדער עקאנאמישע קריזיסען, ווערט די שנאה צווישען מענש און מענש שטארקער. דער שנאה מיקראב רייסט זיך ארויס פון ויינע בעהעלטענישען און בעווייזט זיך אין זיין גאנצער ווילדער נאקעטקייט. דער מענש ווארפט אראב פון זיך זיין כלומרשט ציוויליזירטע מאסקע, ער ווערט ווידער, ווי געווען, די חיה פון וואלד...

און ווען אזעלכע צייטען קומען, דאן זענען מיר די ערשטע און די מעהרסטע צו ליידען, ווייל מיר זענען די שוואכסטע. מיר זענען הייימלאז, מאכטלאז און וועהרלאז. מיר קענען נישט שלאגען צוריק. היטלער האט נישט ליבער די פראנצויזען, למשל, ווי די יודען. ער בעטראכט די פראנצויזען פאר נישט קיין ריינע „אריער", פאר א נעגער-געמישטע ראסע. ווען ער וואלט געהאט די מעגליכקייט און די כוחות, וואלט ער די פראנצויזען בעהאנדעלט נישט בעסער ווי ער בעהאנדעלט די יודען, נישט בעסער ווי ער בעהאנדעלט די טשעכען. זענען אבער די פראנצויזען גוט בעוואפענט און האבען א שטארקע ארמעע, האט היטלער אביסעל דרך ארץ און איז פארזיכטיג. ער ווארט „אויף דעם טאג"...

בנוגע אונז דארף מען נישט ווארטען „אויף דעם טאג". אונז קען מען שלאגען, רויבען און מארדען צו יעדער צייט. פאר אונז האט מען נישט קיין מורא, מיר זענען הפקר. מיר ווערען דעריבער די קרבנות פון די היטלערס, וואס מוזען האבען אויף וועמען אויסצוגיסען זייער גיפט און גאל, זייער פערביסענע מענשען - פיינדשאפט. מיר זענען די קרבנות פון אונזער שוואכקייט, און קרבנות, האב איך מורא, וועלען מיר מוזען בלייבען, כל זמן די חיה אין מענשען וועט נישט געצוימט ווערען.

וואונדער איך זיך נישט, וואס דער אנטיסעמיטיזם האט זיך לעצטענס גענומען פערשטארקען אין אלע און ליידער, אפילו אויך אין די פעראייניגטע שטאטען. ווען אן'עפידעמישע קראנקהייט ברעכט ערגיץ אויס, זוכט מען מיט אלע מעגליכקייטען איהר צו איזאלירען, אז זי זאל נישט אריבערגעשלעפט ווערען פון איין פלאץ צום צווייטען. מען פיהרט איין א „קאראנטין". גאנץ אנדערש איז עס מיט דעם אנטיסעמיטיזם. נישט בלויז ווערען נישט איינגעפיהרט קיין שום „קאראנטינען", נאר מען פלייסט זיך איהר צו פערשפרייטען און צו עקספארטירען פון איין לאנד צום צווייטען. היטלער בעגנוגענט זיך נישט מיט דעם אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד, ער זוכט צו פערשפרייטען די אנטיסעמיטישע גיפט אין אלע לענדער, וואו ער קען דערגרייכען. איבעראל האט ער זיינע אגענטען און זיינע שליחים, זיינע קוהנס און זיינע קאגלינס.

די וועלט, די נישט יודישע וועלט, איז כמעט ווי גלייכגילטיג צו די יודישע צרות. די וועלט זעהט אין דעם אנטיסעמיטיזם בלויז א געפאהר פאר דער עקזיסטענץ פון דעם יודישען פאלק, וואס דאס בעטראכט זי פאר נישט קיין גרויסען אומגליק. די וועלט, די נישט-יודישע וועלט, האט אבער א טעות. דער אנטיסעמיטיזם איז בלויז א טייל, און א קליינער טייל, פון דער ברויזענדער וועלט-שנאה, וואס רינגעלט אונז אלעמען ארום. מיר יודען, זענען די ערשטע פון איהר צו ליידען, אבער מיר וועלען נישט זיין די לעצטע. די ווילדע כוחות, די זעלבע שנאה, וואס פערמעסט זיך צו פערניכטען דאס יודישע פאלק, וועט זיך דערמיט נישט בעגניגענען. נאך די יודען וועלען קומען אנדערע. עס איז די הערשאפט פון אשמדאי.

* * *

וואס מיר האט דא איבערראשט אין דעם ראפארט פון דעם „פארטשון", איז פאר מיר דער אונפערשטענדליכער פאקט, אז מעהר ווי זעכצעהן פראצענט פון די אויסגעפרעגטע יודען האבען אויף זיך אליין גענומען די שולד. די יודישע חסרונות, די יודישע שלעכטע מידות, האבען זיי דערקלערט, רופען ארויס דעם אנטיסעמיטיזם.

וויל איך נישט זאגען, אז יודען האבען קיין חסרונות נישט. יודען זענען מענשען ווי אלע מענשען, מיט חסרונות און מעלות, אבער אלס א פאלק זענען מיר בשום אופן נישט ערגער פון די איבעריגע פעלקער. אוודאי האבען מיר צווישען זיך נישט קיין פיינע מענשען, אבער וועלכעס פאלק איז ריין פון זיי? איך ווייס נישט, איך בין נישט קיין סטאטיסטיקער. עס איז מעגליך, אז מיר האבען אויף אונזער חלק א גרעסערן פראצענט פון גנבים און שווינדלער ווי די איבעריגע פעלקער, אבער דערפאר האבען מיר א פיעל קלענערן פראצענט פון רויבער און מערדער.

מיר זענען מענשען ווי אלע מענשען, מיט מעלות און מיט חסרונות. און פונקט ווי די מעלות פון דעם איינצעלנעם ווערען נושט צוגערעכענט צום קאלעקטיוו, צום כלל, אזוי דארפען אויך די חסרונות פון דעם איינצעלנעם נישט צוגערעכענט ווערען צום כלל.

די אנטיסעמיטען פיהרען מיט אונז א טאפעלטע בוכהאלטעריע. ווען א יוד צייכענט זיך אויס מיט עפוואס, פערגעסט מען, אז ער איז א יוד; ווען ער פערזינדיגט זיך מיט עפוואס, שרייט מען פון מיר און טויער, אז ער איז א יוד. איינשטיין איז א דייטשער געלעהרטער.

איז גוט אזא מין בוכהאלטעריע פאר די אנטיסעמיטען, אבער רבונו של עולם, ווי קומען יודען דערצו?

די געפאהר פון דער אנטיסעמיטישער העצע בעשטעהט נישט בלויז אין דעם, וואס זי וועקט א שנאה געגען אונז ביי אנדערע, נאר אויך און אפשר נאך מעהר אין דעם, וואס מיר, א היבשער טייל פון אונז, ווערען געפאלענע אין אונזערע אייגענע אויגען.

נאר נישט געפאלען!... מיר זענען נישט ערגער, אויב נישט בעסער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

די יודישע בעפעלקערונג האט ארויסגעוויזען איהר קרבנות-גרייטקייט

עס האט זיך געענדיגט דער טערמין פון פון צייכענען די לופט-שוץ הלואה און דער רעזולטאט איז, אז די יודען אין פוילען האבען ערפולט דעם מאקסימום פון זייערע פליכטען.

אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו האבען די יודען אנגעשטרענגט אלע זייערע כחות און געצייכענט פראצענטועל מעסיג דעם מאקסימום, אזש ס'איז ווירקליך צו שטוינען.

די אנטיסעמיטישע צייטונגען און צווישען זיי אויך אונזער „גאניעץ", וועמענס רעדאקטאר איז א גאר הייסער „פאטריאט", האט אויך אין דעם פאל מיטגעמאכט דעם שדים-טאנץ און געהעצט אויף יודען, שרייבענדיג העסליכע רכילות'ן אין זיין געוועהנליכען נוסח.

זייערע מיילער וועלען מיר נישט פערשטיפען, ווייל העצען אויף יודען, אויסטראכטען רכילות'ן, דאס איז זייער לופט צו אטעמען. אליין איז מען פערדארבען ביז'ן ביין און אלדאס שלעכטס ווארפט מען ארויף אויף אנדערע, אין דעם פאל אויף יודען. מיר אבער האבען געטהון דאס אונזעריגע, מיר זענען אין מאמענט, ווען דאס פאטערלאנד האט אונז גערופען, געקומען און געענטפערט.

און נישט בלויז די רייכע יודען האבען געגעבען גרויסע סומעס, נאר אויך די ארימע יודען האבען געגעבען און פיעל איבער זייער יכולת. יעדער יוד האט געפיהלט, אז ער מוז אין איצטיגען מאמענט אפפערען פאר'ן פאטערלאנד און ער האט עס ערפולט בשלימות.

און נישט נאר די יודען פון דער גרויסער שטאדט האבען געהאט דאס געהעריגע פערשטענדניס פאר'ן מלוכה-אינטערעס, נאר אויך די יודען פון די קליינע שטעדטליך, וועלכע זענען צוליב דער „אוושעם"-פאליטיק, פיקעטען און בויקאטען שטארק פעראָרימט געווארען, האבען זיך נישט אויסגעשלאסען פון זייערע פליכטען און האבען געצייכענט איבער די כחות.

מיר זענען טאקי קיינמאל נישט יוצא. האבען מיר נישט צו געבען שרייען די ענדעקעס, אז יודען ווילען נישט געבען. גיבען יודען יא — העצט מען ווידער, אז דאס גאנצע געלד געפינט זיך אין יודישע הענד און וויפיעל זיי געבען, איז אלץ ווייניג. דער אמת איז אבער, אז יודען האבען נישט (אויסער, געוועהנליך איינצעלנע יודען) און האבען טאקי יא געגעבען און הלואי וואלטען די נישט יודען נאכגעטהון דעם יודישען ביישפיעל.

דער סך-הכל איז אבער, אז די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען און אויך די טשענסטאכאווער יודען האבען ארויסגעוויזען זייער קרבנות-גרייטקייט.

וואס טראכט מען צו טהון מיט די פליטים?

דער פליטים-קאמיטעט איז — ווי איהר ווייסט — ליקווידירט געווארען. קיין נייער איז נאך נישט געשאפען געווארען. סא ווער זארגט דערווייל פאר די פליטים? און ווייסען מוזט איהר, אז עס האנדעלט זיך נישט בלויז וועגען די פליטים, וועלכע זענען שוין דא אין טשענסטאכאוו עטליכע ח'שים. עס האנדעלט זיך אויך וועגען די פליטים, וועלכע קומען נאך אן און האבען זיך נישט צו וועמען צו ווענדען.

אזוי זענען, למשל, יענע וואך אנגעקומען פליטים, וועלכע האבען געדארפט בלויז אויף בילעטען ווייטער צו פאהרען. האבען זיי זיך ארומגעדרעהט אין קהלה לאקאל ווי יתומים און זיך נישט געהאט צו וועמען צו ווענדען. עפעס איז צופעליג אריינגעפאלען אין לאקאל דער מיטגליד פון פליטים קאמיטעט ה' רוזשעוויטץ, האבען זיך די פליטים צו איהם געוואנדען, נאר וואס קאן ער אליין אויפטהון. איבריגענס, ווי מיר איז בעוואוסט, איז ה' רוזשעוויטש געווען דער איינציגער אין פליטים-קאמיטעט, וועלכער האט זעהר פיעל געלייכטעט און נישט נאר מיט קהל'ס געלד, נאר אויך מיט זיין אייגענער טאש. דאסמאל איז אבער ה' רוזשעוויטש אויך אהנמעכטיג, ווייל די אלע כלל-טהוער אימשטיינס נעזאגט האבען פערלאזט דעם פליטים קאמיטעט און ווילען פון איהם מעהר נישט וויסען.

וואס זאלען די פליטים טהון? צו וועמען זאלען זיי זיך ווענדען? עס איז נאך באמת א חרפה און א בושה פאר'ן יודישען טשענסטאכאוו, וועלכע טראגט נישט אויף קיין איין מינוט ווענען זייערע יודישע פליכטען.

יודישע כ"ל-טהוער! וואס טראכט איהר צו טהון מיט די פליטים?

ביז הונדערט בתי-תפלות אין טשענסטאכאוו

אין צוזאמענהאנג מיט דער וואהלאקציע, וואס דער איינהייטליכער יודישער בלאק פיהרט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין אונזער שטאדט געפינט זיך אנ'ערך פון הונדערט בתי-תפילות.

די דאזיגע צאהל, גיט וועגען וואס צו טראכטען. פון איין זייט קאן מען זאגען, אז יודען זענען זעהר פרום און טראץ דעם וואס מען פערשרייט זיי אלס אפיקורסים און באלשעוויקעס, געהן זיי דאך דאווענען און חייזען ארויס זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. ווארום, אינדערצייט ווען, זאל מען אננעמען אין טשענסטאכאוו, וואו ס'זענען פערהאנען איבער הונדערט טויזענד קריסטען פערמאגען זיי נאר אנ'ערך 8-9 קירכעס, האבען די 27 טויזענד יודען ביז הונדערט בתי-תפילות. פון דער צווייטער זייט אבער קאן מען דאס אננעמען, אז די גרויסע צאהל בתי תפילות ביי יודען נעמט זיך דערפון, וואס ביי יודען איז נישטא קיין אחדות. זיי זענען צוריסען אויף הונדערט שטיקער, און דאן מוז קומען אונבעטראכט, אז יודען האלטען זיך פאר כלנו חכמים כלנו נבונים — אלע ווילען זיין גבאים, חזנים און דער עיקר — וואס א פאר חסידים פאהרען צו אנ'אנדערען רבי'ן און במילא מוז זיין א בעזונדער שטיבעל.

וועלכער פון די צוויי שטאנדפונקטען עס איז דער ריכטיגער, ווילען מיר דא נישט משפט'ען, א פאקט איז אבער או אין טשענסטאכאוו, א שטאדט פון 134 טויזענד איינוואוינער, האבען איבער הונדערט טויזענד איינוואוינער נישט קיין גאנצע צעהן קירכעס און 27 טויזענד יודען האבען אנ'ערך פון אזש הונדערט בתי תפלות...

וועגען „ארדנונג" אין שטאדטישען תלמוד תורה...

ריכטיגער וואלט געווען דער אויסדרוק „אונארדנונג אין שטאדטישען תלמוד תורה.

צו דער קהלה געהער דאס חדר תלמוד תורה העירוני, וואס געפינט זיך אין לאקאל פון „הכנסה אורחים" אויף דער גארנצארסקא גאס. אין דער צייט פון הרב ר' נחום אש ז"ל האט דער רב אליין אכטונג געגעבען אויף דער ארדנונג אין דאזיגען חדר. איצט אבער איז דארט אלץ פערנאכלעסיגט און פערלאזט.

די קהלה האט עטליכע מורה הוראה'ס וועלכע בעקומען פענסיעס און זיי טהון נישט די האנד אין קאלטען וואסער. האט מען אזא איינעם, א לעדיג-געהער, איבערגעגעבען די השגחה איבער דער תלמוד-תורה. און געזאגט האט מען צו איהם אזוי צו זאגען: אזוי ווי אין ראבינאט קומסטו נישט, הייסט עס, אז טהון טהוסטו גארנישט און געלט נעמסטו יא, דארפסטו כאטש האבען דעם אויפזיכט איבער דער תלמוד תורה צו זעהען צי די למודים קומען פאר ווי ס'געהער צו זיין, צי די לאקאלען געפינען זיך אין א היגענישען צושטאנד וכדומה, ווייזט זיך אבער ארויס, אז געלד פון דער קהלה נעמט דער מורה-הוראה יא, נאר מיט דער

„ניין פּראָצענט"

דער לעצטער בעריכט פון דער לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער, איז פאַר די יודישע האַנדווערקער נישט קיין פרעהליכער. דער בעריכט בעווייזט אונז, אַז נישט קוקענדיג אויף אַלע אַפּעלען און אָנווייזונגען פון געפאַהר וואָס בעדראָהט דעם קיום און צוקונפט פון דער יודישער מלאכה, האָבען נישט געהאַט קיין שום ווירקונג.

מיר זעהען, אַז דאס אַלץ האָט נאָר געהאַט אַ פּערקעהרטע ווירקונג, די לאַגע האט זיך געענדערט לרעה און נישט לטובה, די סטאַטיסטיק, וואָס ווערט געפיהרט דורך דער האַנדווער-קער-קאַמער, און וועלכע איז דער איינ-ציגער באַראָמעטער וואָס ווייזט דעם צופלוס אָדער אָפּפאַל פון דער צאַהל האַנדווערקער, האט אונז איצט געווי-זען, אַז די לאַגע איז א זעהר טרוי-עריגע.

* * *

דער בעריכט פון דער לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער זאָגט, אַז די צאַהל רעגיסטרירטע יודישע לערן-יונגלעך בילדעט ביים היינטיגען טאָג נאָר ניין פּראָצענט פון דער אַלגעמיי-נער צאהל לערן-יונגלעך.

איצט קען מען זיך שוין אָבגעבען אַ געטרוי בילד, ווי אַזוי די יודישע מלאכה וועט אויסזעהן אין דער צו-קונפט – אין דער צוקונפט וואָס איז שוין א גאָר נאָהנטע, ווייל מיר מוזען דאָך געדענקען, אַז אַלע „איבערגאַנגס-פּעריאָדען" זענען שוין פאַרביי און אַהן לערן-יונגעל, וואָס איז לעגאַליזירט מיט אַלע פּיטשעווקעס, קען מען שוין מעהר נישט ווערען קיין זעלבסטשטענ-דיגער האַנדווערקער.

דאָס אינדוסטריע געזעץ זעהט פאָר, אַז אַ האַנדווערקער-קאַרטע קען בעקו-מען נאָר דער וואָס בעלעגט אַ נעזע-לען-עקזאַמען (נאָך אַ דריי יעהריגע לעהר) און אויך א מייסטער עקזאַמען (נאָך אַ דריי-יעהריגע ארבייט אַלס געזעל). די אַלע הנחות: ווי דערוואָר-בענע רעכט, דיספּענסען אויפ'ן סמך פון קוואַליפיצירטע עקזאַמענס זענען נאָר פאַר די עלטערע בעלי-מלאכות, וועלכע זענען געווען אין דער לעהר מיט מינדעסטענס צעהן יאָהר צוריק, אָבער געפיהרט פאַר זיך אַ ווערקשטעל אין 1927 יאָהר.

דאַגעגען א בעל מלאכה וואָס האָט מיטגעמאַכט די לעהר מיט פינף זעקס יאָהר צוריק, קען שוין ביים היינטיגען טאָג נישט בעקומען קיין האַנדווערקער-קאַרטע. איצט שטעלט זיך פאָר, אַז קיים בעזיצען מיר נאָר ניין פּראָצענט יודישע לערן-יונגלעך און – ווי ס'ווייזט זיך, אַז דער פּראָצענט האַלט אויך אין פאַלען – קען קומען צו אַזאַ לאַגע, אַז להבא זאָל די צאַהל יודישע האַנד-ווערקער בילדען אַ מינימאַלען פּראָ-צענט.

די יודישע האַנדווערקער דאַרפען זיך גוט בעטראַכטען און זעהען די לאַגע צו ענדערען. דאָס איז די שולד נאָר פון האַנדווערקער גופא, וואָס זיי שטעלען זיך נישט פאַר די געפאַהר וואָס עס דראָהט צוליעב דעם פערנאַכ-לעסיגען, איז אפשר איצט, ווען מען ווייסט שוין ווי די לאַגע זעהט פאַקטיש אויס וועט מען זעהען די געפאַהר צו בעזייטיגען.

* * *

ווען מען רעדט שוין וועגען די סטאַ-טיסטיק מוז מען נאָך אָנווייזען אויף נאָך א זעהר וויכטיגע פראַגע, דאס איז די צאהל יודישע האַנדווערקער גופא. אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווא ווי די סטאַטיסטיק בעווייזט האט זיך די צאהל יודישע האַנדווערקער פער-קלענערט.

ווען מיר האבען מיט אַ יאָהר צו-ריק געדעדט וועגען די צאהל יודישע האַנדווערקער אין דער לאָדזער וואָיע-וואָדזטווא, האָבען מיר און מיט רעכט געפאָדערט „אונז קומט", מיר בילדען אַ גרויסען פּראָצענט. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען נאָך פיהרען אַנ'אַגי-טאַציע, אַז די צאַהל זאָל זיך נאָך מעהר פערגרעסערען, אַז יודישע האַנד-ווערקער-וואַרשטאַטען זאָלען זיך לעגאַ-ליזירען.

מען האָט געוואָלט בעווייזען פאַר מאַסגעבענדע קרייזען, אַז מיר בילדען גאָר דעם רוב האַנדווערקער און פאַק-טיש איז עס אַזוי, און נישט קוקענדיג דערויף האט זיך גאָר דער פּראָצענט פערקלענערט.

עס זענען נישט אָבגעקומען קיין יו-דישע וואַרשטאַטען נאָר צוגעקומען, דאס איז אָבער געשעהן דער פאַל, אַז די קריסטליכע בעלי מלאכות האָבען מעהר גענומען אין בעטראַכט די לאַגע ווי די יודישע און מיט'ן לעגאַליזירען זיך פון א גרויסע צאהל קריסטליכע וואַרשטאַטען, האָט זיך דער יודישער פּראָצענט פערקלענערט.

די יודישע האַנדווערקער טאָרען נישט פערגעסען, אַז ס'זענען שוין פער-ביי די צייטען פון ניסים, מ'קען זיך שוין מעהר נישט פערלאָזען אויף מאָ-מער... ביים היינטיגען טאָג, איז אוי-סער דעם וואָס מען מוז זאָרגען, אַז אַלע יודישע וואַרשטאַטען זאָלען זיין לעגאַליזירט, ווערען טאָג-טעגליך גע-שלאָסען די וואַרשטאַטען וואָס האָבען נאָך נישט קיין האַנדווערקער-קאַרטע און שפּעטער איז שוין שווער די קאַר-טע צו בעקומען.

ווענען די צוויי מאָטיוען מוזען די יודישע בעלי מלאכות גוט געדענקען, מיר מוזען זאָרגען סיי פאַר זיך און סיי פאַר'ן גאַנצען כלל יודישע בעלי מלאכות.

י. רעדלוס

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאַכאָווער

לא תונו איש את עמיתו

צו אַ רב זענען געקומען צוויי בעלי-דינים האַלטען אַ דין תּורה. דער סכסוך איז געווען פאָלגענדער: די בעלי-דינים זענען געווען חברים פון קינדערווייז אָן. אויסנוצענדיג וואָס איי-נער פון זיי איז א גרויסער גביר, האט זיין חבר, וועלכער האט זיך גע-פינען אין אַ שווערע פינאַנציעלע לאַגע אויסגעשטעלט אויף זיין נאָמען פאַלשע וועקסלען, זייענדיג זיכער דאס צוליב גוטספריינדשאַפט וועט ער איהם קיין שלעכטס נישט טהון. דער תּובע האט פערלאַנגט פון רב, דאס ער זאָל ארויס-זאָגען זיין פּסק וועגען דעם ענין און גלייכצייטיג אויס'מוסר'ען דעם נתבע, דאס ער זאָל דאס נאָכאַמאָל נישט טהון.

דער רב האט געזאָגט: די תּורה בעפעהלט אונז: לא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך – דו זאָלסט נישט בעשווינדלען דיין חבר, ווייל איך גאָט וועל זיך פאַר איהם אָננעמען. שטעלט זיך א פראַגע, צו א פרעמדען מעג מען יאָ בעשווינדלען? דער תירוץ איז דער: ביי א פרעמדען דאַרף מען נישט וואָרענען, ווייל ער וועט זיך זיין עוולה אליין פערטיידיגען, אויב עס וועט איינער איהם נאָכמאַכען פאַלשע וועקסלען, וועט ער איהם אי-בערגעבען דעם פּראָקוראָר. אַנדערש אָבער איז ביי א חבר, וועלכער וויל אַזאַלכע מיטלען נישט אָננעמען. דע-ריבער וואָרענט איהם די תּורה: לא תונו – זאָלסט איהם נישט בעשווינ-דלען, אויב ער וועט דיר קיין שלעכט'ס נישט טהון, זאָלסטו וויסען, אַז ויראת מאלקיך – וועל איך דיך בעשטראָפען.

אל תקח מאתו נשך

די גמרא זאָגט, אַז די מלוה ברבית וועלען נישט אויפשטעהען קיין תחיית המתים. דער טעם איז פּשוט: דער מלוה ברבית אפילו ווען ער שלאָפט געהט זיין געשעפט, נאָכ-וואָס דאַרף ער זיך ערשט מטריח זיין און זיך אויפהייבען צו תחיית המתים, אַז זיין ריוח וואַקסט יעדענפאַלס.

א צווייטער טעם איז להיפך. דער פּסוק זאָגט: לא יהיה לך השמש יומם ולילה הירח לא יאיר לך והי' לך ד' לאור עולם – אַז משיח וועט קומען, וועט נישט זיין קיין נאַכט, נאָר בלויז א ליכטיגער טאָג, דער מלוה ברבית, וועלכער רעכענט טאָג צינזען וועט דעריבער בלייבען אָהן פּרנסה, צוליב דעם וועט ער נישט וועלען אויפשטע-הען תחיית המתים.

ובמרבית לא תתן אכלך

אַ גביר האט באַנקראָטירט אויף א גרעסערע סומע. צווישען די בעלי חובות איז אויך געווען א מלוה ברבית, מיט וועלכען דער גביר האט געהאַנדעלט לאַנגע יאָהרען, ווען דער געוועזענער נגיד, וועלכער איז גלייכ-צייטיג געווען א בן-תורה, האט גע-וואָלט מיט זיינע בעלי-חובות רעגו-לירען און אַלע האָבען מסכים געווען דערצו, האט דער פּראָצענטניק נישט געוואָלט אָבלאָזען אַ גראָשען, מאָטי-ווירענדיג, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע בעלי חובות, דען ער האט געבאָרגט קאַסע געלד. אויף דער טענה פון פליטה'ניק, אַז ער האט שוין ביי איהם פערדיענט פינף פאַכיג ווי-פיל עס קומט איהם, האט ער בעקו-מען א תשובה, אַז דער פּראָצענט איז שוין לאַנג אויפגעגעסען געוואָרען. דע-רויף האט דער געפאַלענער גביר גע-זאָגט: די תּורה מאַכט אויפמערקזאַם ובמרבית לא תתן אכלך – די גאַנצע פּרנסה האָבען פון ליכווע דאס טאָר נישט זיין – מילא איהר פערדיענט ביים געלד באָרגען איז עס א געשעפט, וועלכעס איז א טובה פאַר ביידע צדדים, אָבער דאס זאָל זיין שוין די גאַנצע פּרנסה, דאַרף נישט.

וחי אחיך עמך

די תּורה זאָגט: אל תקח מאתו נשך – דו זאָלסט נישט נעמען קיין צינזען, טאָמער אָבער נעמסטו יאָ נשך זאָגט דער פּסוק ווייטער: וחי אחיך עמך – זאָלסטו על כל פנים זעהען, אַז עס זאָל דעם לוה אויך עפּעס אי-בערבלייבען.

ונתתי שלום בארץ

אין די יאָהרען 50 1840 איז אין טשענסטאָכאָוו געווען אַ מסור מיט'ן נאָמען שלום אהרן יאַנעווער, וועלכער האט אויסגעטיילט די היגע יודישע סוחרים גרויסע צרות, גע'מסר'ט, אַז זיי האָבען קליינע פּאַטענטען, ברענגען אויסלענדישע סחורות אויף קליינע צאָל א. א. וו. אויך די קהלה האט ער נישט ווייניג געפּייניגט, אַז זי האט א הכנסה פון שחיטה, וועלכעס איז דאַמאָלס געווען פערבאָטען. די היגע יודען האָבען זיך מיט דעם מסור נישט געקענט קיין עצה געבען, דען ער איז ביי דער מאַכט געווען בעגלויבט און אַלע פאַלשע בעשול-דיגונגען געגען זיי זענען געווען אָנ-גענומען אַלס אמת וצדק. בעת עס האט געהערשט די עפּידעמיע האט זיך צווישען די קרבנות געפינען אויך שלום אהרן יאַנאָווער, וועלכער האט זוכה געווען צו א לויה, וואָס קיין טשענסטאָכאָווער יוד האט נאָך נישט געהאַט.

געווען דאָ א מגיד, וואָס האט נישט ווייניג געליטען פון דעם מסור און געפינען פאַר אַ חוב איהם מספּיד צו זיין. אויסרעכנענדיג די גרויסע „טובות", וואָס דער געשטאָרבענער האט געטהון די היגע יודען, האט דער מגיד געזאָגט: ונתתי שלום בארץ – דערמיט, וואָס מ'האט יעצט געלעגט דעם מסור שלום אהרנ'ען אין דער ערד – ואין מחריד, דאַרפט איהר טשענסטאָכאָווער יודען שוין מעהר קיין מורא האָבען, עס וועט אייך שוין קיינער קיין שלעכט'ס טהון.

וזכרתי את בריתי יעקב

די תּורה הויבט אָן ביים ברית יעקב, דאַן יצחק, צום לעצט אברהם. איז דען נישט גענוג דער זכות פון יעקב'ן, וועלכער האט געהאַט קינדער בלויז צדיקים, ווי דער זכות פון יצחק'ן, וועלכער האט געהאַט א זוהן עשו און אברהם – אַ זוהן ישמעאל? נאָר עס איז אַ גרויסער אונטערשיד צווישען א צדיק, וועלכער שטאַמט פון דור דורות צדיקים און צוגעזעהען פון קינדערווייז אָן בלויז פרומקייט און עהר-ליכקייט ווי א צדיק אַ זוהן אָדער אייניקעל פון רשעים. דאס לעצטע איז א גרעסערער נסיון. דאס זאָגט דער פּסוק: צוערשט וועל איך זוכען פאַר דיר א זכות פון יעקב'ן, וועלכער שטאַמט פון א דור צדיקים, אויב דאס וועט לויט דיינע עבירות נישט גענוג זיין. את ברית יצחק – וועל איך מו-זען צורעסענען אויך דעם זכות פון יצחק'ן, וועלכער האט געהאַט א זיי-דען א רשע און איז דאָך געווען א צדיק ווען אויך דאס וועט ווייניג זיין פאַר דיר – ברית אברהם – זוהן פון תרח הרשע, וואָס האט טראָץ דעם שלעכטען טאַטען – געדיענט דעם בורא עולם.

את שבתותי תשמרו ומקדשי תראו

אין יאָהר 1915 (מלחמה-צייט) האט די דאַמאַלסדיגע אָקופּאַציע-מאַכט סעק-וועסטרירט די גאַנצע תבואה, וואָס האט זיך געפינען אין לאַנד און יעדע פּערזאָן האט בעקומען א געוויסען סכום ברויט וועכענטליך, וואָס איז פער-קויפט געוואָרען געגען ברויט-קאַרטען. איינמאָל איז די פערטיילונג פון ברויט בעשטימט געוואָרען אויף שבת. א גרופּע חסידים, וועלכע האָבען נישט געקאַנט צוזעהען דעם חילול שבת, וואָס איז צוליעב דעם פאָרגעקומען, זענען געקומען אין דער שטאָדט-שוהל מיט א דעמאָנסטראַציע געגען דעם און עס איז אויסגעבראָכען א סקאַנדאַל צווישען די חסידים און בעלי בתים פון דער שוהל.

נאָכמיטאָג, ווען די זעלבע חסידים זענען געקומען צום היגען רב ז"ל ווע-גען דעם זעלבען ענין, האט דער רב צו זיי געזאָגט: אין דער תורה שטעהט את שבתותי תשמרו – שבת זאָל מען היטען, נישט צולאָזען קיין חילול השבת, עס שטעהט אָבער אויך ואת מקדשי תראו – די שוהל דאַרף מען שאָנעווען, דרך ארץ האָבען פאַר א שוהל, נישט קומען מיט דעמאָנסטראַציעס אין א מקום קדוש. אויב אייך אינטערעסירט – האט הרב ז"ל געזאָגט צו די פּערזאָ-מעלטע – דער ערשטער טייל פון פּסוק, דאַרפט איהר נישט פערגעסען אויך דעם אַנדערען טייל און נאָכאַמאָל אין קיין שוהל מיט פּראָטעסטען נישט קומען.

תלמוד תורה אינטערעסירט ער זיך נישט הייסט עס, אַז ער נעמט אומ-זיסט קהלה געלד.

מילא, צום מורה הוראה קען מען קיין טענה נישט האָבען. די קהלה גיט, נעמט ער. ווער וואָלט בעסער געווען? נאָר צו דער קהלה איז אָבער יאָ פאַרהאַן אַ טענה: פאַרוואָס רעאַגירט נישט די קהלה-לייטונג אויף דער אונאָרדנונג, וואָס הערשט אין דער שטאָדטישער תלמוד תּורה?...

ער וויל אויך א בענקיל...

ס'פיהרט זיך, אַז בעת מען גיט אריין די קאַנדידאַטען-ליסטעס, מאַכט מען אויך פיקטיווע ליסטעס, דאס איז א קאָמבינאַציע צו בעקומען דעם גע-העריגען נומער.

בעת'ן מאַכען די פיקטיווע ליסטעס איז צופעליג אין וואָהל-קאָמיטעט אריין א יוד אַ בעל הבית, א יוד, וואָס געהט אָן פאַר אַ פּקח. זעהענדיג, אַז מען מאַכט ליסטעס און מען זוכט נעמען האט ער זיך געפרעגט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. האט מען איהם ערקלערט, אַז מען זוכט נעמען אַרויסצושטעלען אַלס קאַנדידאַטען. איז ער דאָך אָבער אַ יוד אַ חכם, זאָגט ער, אַז ער וויל נישט געבען זיין נאָמען אויף א ליסטע, וואו מען וועט איהם שטעלען נור אַלס „דראָנג". האט איהם דער סעקרעטאַר פערזי-כערט מיט זיין עהרען-וואָרט, אַז אויב דער יוד וועט מסכים זיין אונטערצו-שרייבען א דעקלאַראַציע שטעלט ער איהם אויפ'ן ערשטען אָרט און תּוך כדי דבור שרייבט ער איהם שוין אויף אַלס ערשטען קאַנדידאַט אויף דער – פערשטעהט זיך – פיקטיווער ליסטע. דאס האט איהם אַ שטאָך געטהון אין קאָפּ אריין און אונזער חכם ר' יצחק האט מאָמענטאַל אונטערגעשריבען די דעקלאַראַציע און איז מיט מזל ארויסגעשטעלט געוואָרען אַלס ערשטער קאַנדידאַט.

ווען ר' יצחק איז געוואויר געוואָ-רען, אַז דאס איז געווען אַ פיקטיווע ליסטע, איז שוין געווען צו שפּעט. דאס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט גופא, אַז דער כח פון בענקיל איז אַזוי גרויס, אַז אַזא חכם ווי אונזער ר' יצחק איז פאַר'שיכור'ט געוואָרען, בעת מען האט איהם אָנגעבאָטען א בענקיל און ער האט געהאַט די אי-לוזיע, אַז מען שטעלט איהם טאַקי אַרויס אַלס ראַטמאַן אין שטאָדט-ראַט...

יודישע וועהלער צו דער ארבייט!

נאָך איין וואָך טיילט אונז אָב פון דעם יום הדין, ווען די יודישע בע-פעלקערונג וועט דאַרפען ארויסזאָגען איהר וואָרט, וועמען זיי וועהלען אויס אין שטאָדט-ראַט.

עס איז בלי ספק, אַז אַלע טשענ-סטאָכאָווער יודען, וועלען פערשטעהן די ערנסטקייט פון מאָמענט און אַלע ווי איינער וועלען געהן צו די וואַה-לען און אָבגעבען זייערע שטימען פאַר דער פאַראייניגטער יודישער ליס-טע, ווייל אַלע יודען, איבערהויפּט אין אונזער שטאָדט, זענען רייף און פער-שטעהן, אַז דער שונא לויערט אויף אונז, אַז דער שונא וויל אונז פער-ניכטען און רעכענט אויס אויף אונזער אַפּאַטיע און צוריסענקייט.

קוקט אויף די מויערען פון שטאָדט, וועט איהר זעהן פּלאַקאַטען פון די שונאי-ישראלים, וועלכע ווילען אריינ-רייטען אין שטאָדט-ראַט אויפ'ן יודישען פערדיל, און במילא איז דאס א סימן, אַז אויב מיר וועלען נישט אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט אויסנוצען אונזערע רעכט, וועלען זיי חס ושלום גובר זיין. די פּאָלגען פון א נצחון פון אונזערע שונאים זענען קלאָר.

דעריבער יודען, די טשענסטאַכאָ-ווער יודען, וועלכע האָבען אויף זיי-ערע פּלייצעס שוין געפיהלט דעם טעם פון שונא'ס בייטש, טאָרען אין איצ-טיגען מאָמענט נישט אַראָבבויגען דעם קאָפּ, נאָר מיט מענשליכער ווירדע און יודישער שטאָלץ אָבשטויסען דעם שונא.

מיט'ן צעטיל אין דער האַנד דעם 21-טען מאי שטימענדיג פאַר די ליס-טעס פון איינהייטליכען בלאָק, וועלען מור גובר זיין.

„וואַטום סעפּאַראַטום"...

אַמאָל, ווען דאס יודישע לעבען האט זיך קאָנצענטרירט נור אין די דלת אמות פון בית המדרש אָדער שוהל, האט דער אויבענדערמאַנטער לאַטיי-נישער אויסדרוק געהייסען „לא יעלה ולא יבא". היינט אָבער אין צייטען פון פּאַרלאַמענטאַריזם און דעמאָקראַ-טיע פערגעבען, הייסט עס „וואַטום סעפּאַראַטום".

עס קומט פאָר אַנ'אסיפה וועגען יודישע ענינים. זאָגט איינער אַזוי, זאָגט דער צווייטער אַנדערש, ביז ענ-דליך מען קומט צו א געמיינזאַמער החלטה. פּלוצלינג שפּרינגט איינער ארויס און גיט א געשריי: ניין, איך בין נישט מסכים. קוקען דאָך אַלע אויף איהם מיט פרעגענדע אויגען, – וואָס דען איז דיין מיינונג, אדרבה, זאָל מען הערען, אפשר ביזטו גערעכט? דער ניין-שרייער ווייסט אָבער נישט וואָס צו זאָגען, ווייל אין דעם בע-האַנדעלטען ענין האט ער קיין אַהנונג נישט, ער ווייסט נאָר צו שרייען: ניין, ער פערשטעהט נישט און טהו איהם עפּעס. אָט דער דאָזיגער שרייער איז ביים פאָלק אָנגערופען געוואָרען דער „לא יעלה ולא יבא'ניק".

אין דער קהלה קומען פאָר די בוי-דזשעט-זיצונגען פון קהלה ראַט. אַלע פּרנסים זענען אָדורכגענומען מיט'ן געדאַנק, אַז אין דער צייט מוז ווערען געמאַכט א געהעריגער בודזשעט. אויך דער עטאַט דאַרף ווערען אַזוי אויסגעמאָסטען, אַז די רייכע זאָלען צאָהלען און די אָרימע זאָלען געניסען. אינמיטען אָבער שפּרינגט אויף איין פּרנס און גיט אַ געשריי: ניין, איך בעשטעה נישט. פרעגט מען דאָך איהם: וואָס בעשטעהט איהר נישט. און אויב איהר זענט נישט מסכים, אפשר האט איהר אַנ'אַנדערן פּראָיעקט? אדרבה, לייגט איהם פאָר וועלען מיר איהם בעטראַכטען: נאָר פון וואַנען זאָל יענער פּרנס וויסען פון אַנ'אַנדע-רען פּראָיעקט, אַז ער אינטערעסירט זיך איבערהויפּט נישט אין די אַלע ענינים, כדי אָבער צו בעווייזען זיין „איך", האט ער ערקלערט זיין „וואַ-טום סעפּאַראַטום". געגען וואָס, געגען וועמען?

דער דאָזיגער „וואַטום סעפּאַראַטום" פּרנס, איז באַלד אויך ענטלאָפען פון דער זיצונג נאָך די ווערטער „סאַבאָ-טאַזש" וואָס א צווייטער פּרנס האט איהם נאָכגעשריגען, האט ער נאָך געהערט. דאס האט איהם אַזוי צו-מישט, אַז ער האט געכאַפּט אַנ'אַנ-דערנס פּאַלטען און ענטלאָפען.

ערשט שפּעטער נאָך דער זיצונג האט מען אויפגעקלערט דעם טעות מיט'ן פערטוישטען פּאַלטען און דער אייגענטימער פון פּאַלטען האט אויך אריינגעטראָגען א וואַטום סעפּאַראַטום...

לויתן

טשענסטאכאוו—תל-אביב

(פון אונזער ארץ-ישראל קארעספאנדענט עזריאל יאקובאוויטש)

עס שטעלט זיך טיילמאל די פראגע: צי האט עפיס א שייכות די בויענדע זיך יודישע שטאדט תל-אביב מיט אונזער טשענסטאכאוו? פארט איז עס דאך א מהלך-רב, עס טיילט אב טויזענדער שטחים ערד און נאכמעהר וואסערען און ימ'ען. אמת, די לעצטע צייטען איז דער וועג „עטוואס" פערקירצט געווארען, אדאנק דעם „שטאלענעם פויגעל" און די רייזע דויערט פון ווארשא אינגאנצען אכט שעה. אויך פון טשענסטאכאוו קאן מען נאך דעם זעלבען טאג עסען פריהשטיק אין דערהיים און אוונד-ברויט—אין תל-אביב, ווען מען פאהרט קיין ווארשא מיט'ן לוקס-טארפעדא, עס איז א מאדערנער קפיצת הדרך.

ניטש קוקענדיג דערויף דויערט נאך א געווענליכע שיפס רייזע אייניגע טעג, און ווער שמועסט נאך א רייזע דורך אונטערוועגען, ווי מען רופט עס „אונלעגאל" (ביי אונז יודען איז עס פולשטענדיג לעגאל, נאר ביי די ענגלענדער און אראבער הייסט עס אונלעגאל...), דויערט נאך טיילמאל אכט... וואכען און מעהר אויך, ווי עס איז לעצטענס געווען דער פאל מיט א שיף פון אייניגע הונדערט פערזאן, דערונטער אויך אייניגע טשענסטאכאווער...

לעבענדיג דא אין תל אביב מוז מען קאנסטאטירען, אז תל-אביב איז מיט טויזענדער פעדים פערבונדען מיט טשענסטאכאוו, פערשטעהט זיך, אז ניטש די שטאדט אלס אזעלכע, נאר א גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכע בעוואוינען תל אביב. מען מוז נעמען אין בעטראכט, אז דא געפינען זיך אייניגע טויזענד טשענסטאכאווער, פון וועלכע כמעט יעדער האט איבערגעלאזט קרובים און אין פאל ווען ער האט ניטש, איז איהם פערבליבען א סענטימענט פאר דער שטאדט, אין וועלכער ער איז געבוירען געווארען, פון וועלכער זיינע עלטערן שטאמען אדער כתם לאקאל-פאטריאטיזם, וואס א פונק דערפון בליעט בעשטימט אין יעדענס הארץ.

אויף שריט און טריט בעגעגענט מען טשענסטאכאווער. זיי זענען דא אקטיוו פערטרעטען, אזוי אין ווירטשאפטליכען ווי אין פאליטישען לעבען. אין תל אביב זענען פערהאן פיעל געשעפטען פון טשענסטאכאווער לאנדסלייט, פון איינגעארדענטע אין גוטפראספערירענדע. אויך זענען פערהאן א גאנצע רייהע פרדסים אינהאבער. פיעל זענען וואס אנ'אמת געקומען נאך פון טשענסטאכאוו מיט גרויסע קאפיטאלען אבער א גרויסער טייל האט זיך שוין דא דערשלאגען צו פערמעגענס. דאס פערדאנקען זיי דעם אויסדויער און אייזערנעם ווילען, מיט וועלכע זיי האבען איבערגעווארט דעם גרויסען קריזיס נאך דער פיערטער עליה און דאן ערווארבען געלד.

דער רוב מנין ובנין פון די טשענסטאכאווער איז די יוגענד.

הונדערטער פון זיי געפינען זיך אין די קאלאניעס און מושבות, דערפער און קיבוצים, אין די ווייט פערווארפענסטע און נעפעהרליכסטע פונקטען פון לאנד. דארט, וואו דער אראבישער טעראר בושעוועט אהן אויפהער, טרעטען זיי זייט יאהרען ניטש אב פון זייערע פאזיציעס. א גרויסער טייל האט זיך אויך געווארפען אין די ארעמס פון פאליציי.

אין משך פון די דריי יאהר פון אראבישען טעראר האט זיך אנגעהויבען א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט. כדי צו זיכערען דאס לעבען פון יודישען קבוץ אין ארץ ישראל זענען געשאפען געווארען די אזוי-גערופענע גפירים, געהילפס פאליציי. אויך זעהר פיעל טשענסטאכאווער יונגעלייט זענען דעמאלס אריינגעטרעטען און ביז'ן היינטיגען טאג געפונען זיי זיך אויף זייערע פעראנטווארטליכע פאסטענס. מיט דער ביקס אין דער האנד שטעהען זיי תמיד גרייט צו פערטיידיגען דאס יודישע לאנד. פיעל פון זיי האבען שוין זאגאר אוואנסירט צו ראנגעס, ווי אויך א טייל איז געווארען איינגעגלידערט אין די קאדרען פון דער רעגיאנעלער פאליציי.

אין תל-אביב גופא בעגעגענט מען פיעל טשענסטאכאווער יונגעלייט ביים גרויען טאג-טעגליכען לעבען. זיי יאגען זיך נאך פרנסה, סיי אין די ארבייטס ווארשטאטען, סיי אין האנדעל. אלץ לעבט און איז צופרידען. מען לעבט מיט'ן היינטיגען טאג. היינט ארבייט מען, היינט לעבט מען א גוטען טאג און אויף מארגען זאל גאט זארגען. פערשטעהט זיך, אז מען איז מעהר פערשווארצט און מען האט מעהר עול ווי אין דער אלטער היים, אבער יעדאך וועט איהר זעלטען בעגעגענען א יוגענדליכען, וועלכער זאל וועלען צוריקפאהרען אהיים. יא, פאהרען אביסעל אויף א לוסט רייזע קיין טשענסטאכאו'י, וואלטען גערן אלע. זיך זעהן מיט משפחה, פריינד און בעקאנטע, ווידער כאפען א קוק אויף די פרעכטיגע אלעען, זיך אנהערען מיט היימישע פלאטקעס און צוריק קיין ארץ ישראל.

פון די טשענסטאכאווער יונגעלייט האבען זיך שוין אייניגע דערשלאגען צו געוויסע קאריערעס, אזוי איז דער טשענסטאכאווער בחור אברהם יוזעפאוויטש (היינט יוספי), וועלכער איז דא אנגעקומען מיט 6 יאהר צוריק אויף א סערטיפיקאט פון טשענסטאכאווער „בית"ר", געווען פאטאגראפירט אין כמעט דער גאנצער א"י פרעסע צו זיין בעקומען א רעגירונגס-לעגיטימאציע אלס לופט פליהער. אין לוד הינטער תל-אביב האט אן'אמעריקאנישער יוד געגרינדעט א לערן-שולע פאר פליהער און צווישען די ערשטע זעקס פון גאנץ א"י ישראל, וועלכע האבען זוכה געווען צו בעקומען דיפלאמען, האט זיך אויך געפונען טאקע דער יוזעפאוויטש. אין דער ענגלישער צייטונג „פאלעסטיין פאסט", וועלכע ערשיינט דא געפינט זיך אן'אויפנאמע ווי דער הויך-קאמיסאר מעק מייקל דערלאנגט די האנד יוזעפאוויטש'ן און ווינשט איהם ערפאלג, אלס דער ערשטער יודישער פליהער אין ארץ-ישראל.

ניטש ווענגער פאפולער איז דא יוסף שיין, דער אמאליגער באקסער פון טשענסטאכאווער „מכבי". זייט דער ערשטער מינוט פון דער ענטשטעהונג פון תל אביב'ער פארט איז ער דארט אריין אלס פשוט'ער ארבייטער פאר מינימאלע פערדינסטען, אבער אין משך פון דער צייט, ווען דער פארט האט זיך אונגעהויער ענטוויקעלט (ער ווערט ווייטער געבויט און פערוואנדעלט אין א גרויסען האפען), איז אויך אונזער שיין געשטיגען. ער האט אוואנסירט אלס מאטאר-פיהרער און היינט איז ער דער יעניגער, וועלכער עמפאנגט דער ערשטער, יעדען יודישען עולה, וואס קומט אן אין תל-אביב'ער פארט, יעדער פאסאזשיר איבערשטייגט פון די שיף צו שיין'ס מאטארובקע און ער פיהרט איהם צו צום פארט.

דא האט געוויילט דער טשענסטאכאווער בעקאנטער אינדוסטריעלער ה' י. לעוויט מיט זיין פאמיליע. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אראנזשירט געווארען אין א קעסטע א צוזאמענטרעף פון טשענסטאכאווער חברה מיט ה' לעוויט.

ה' לעוויט האט אבגעגעבען א גרוס פון טשענסטאכאוו, געטיילט זיך מיט זיינע איינדריקען פון דער רייזע און אין לאנד און בכלל פערברענגט מיט חברה געמיטליך. ער האט זיך גענוי אינפארמירט ביי יעדען, מיט וואס מען בעשעפטיגט זיך, ווי עס דערגעהט אין לאנד, בכדי אבצוגעבען לעבעדיגע גרוסען דער טשענסטאכאווער משפחה, פריינד און בעקאנטע.

פון טשענסטאכאוו האבען דא אויך לעצטענס געוויילט ה' ד"ר ליפינסקי און פרוי און ה' שכנא בארנשטיין.

וועגען דעם טשענסטאכאווער לאנדסלייט פערבאנד און בכלל וועגען טשענסטאכאווער אנגעלעגענהייטען — אין א צווייטען בריעף.

פיער מיליאן זלאטעס אויפ'ן „פאפ" אין טשענסטאכאוו

לויט די צייטווייליגע אויסרעכנונגען איז אין טשענסטאכאוו סובסקריבירט געווארען אויף דער לופט שוץ הלוואה אנ'ערך 4 מיליאן זלאטעס.

די טשענסטאכאווער יודען האבען סובסקריבירט 1.700.000 זל.

לויט די ציפערען, וועלכע מיר האבען דערהאלטען שבת אין די לעצטע שעה'ן פון סובסקריבירען, האט די געצייכענטע סומע דורך דער היגער יודישער בעפעלקערונג פאר דער לופט שוץ הלוואה געבראכט העכער א מיליאן זיבען הונדערט טויזענד זלאטעס.

פאר'ן „פאס" און „פאן"

א דעלעגאציע פון דער פאבריק „ווארטא", אין וועלכער עס איז טעטיג אנ'אבטיילונג פון דער ים-ליגע, האט אויף דער האנד פון גען. גאנשאראווסקי בעלעגט 5,000 זל. אויפ'ן פאנד פאר נאציאנאלער פערטיידיגונג און 1903 זל. אויפ'ן פאנד פון ים-פערטיידיגונג.

פון מארגארין איז געווארען פוטער

זייט א לענגערע צייט האט די פאליציי און די סאניטאר-מאכט בעקומען אנקלאגעס, אז אויפ'ן שטח פון טשענסטאכאוו ווערט פערקויפט פוטער אין פעקלעך, וואס איז אין דער ווירקליכקייט בלויז מארגארין.

די פאליציי-אישע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די „פוטער" ווערט פערקויפט דורך אנטאני פטאק, וועלכער פאקט מארגארין אין דער פאקונג פון דער שוין נישט-עקזיסטירענדער מילך-קאאפעראטיוו.

דאס קרייז-געריכט, וועלכעס האט בעטראכט פטאק'ס פראצעס, האט איהם געפינען שולדיג אינ'ם פארגעווארפענעם חטא און איהם פערמשפט אויף 1 חודש ארעסט.

אכטונג סאלאמאן און מילא שטראביץ (שטראבליץ) און יעקב נירענבערג!

פאר אייך געפינען זיך אין דער יודישער צענטראלער עמיגראציע געזעלשאפט „יעאט" אין ווארשא ארויספאהרונגס פאפירען קיין אמעריקא.

איהר דארפט זיך אין אייער אייגענעם אינטערעס תיכף מעלדען אין דער קהלה קאנצעלאריע, וואו ס'זענען פערהאן פאר אייך געוויסע דאקומענטען.

העלפט מיט צום ערפאלג פון דער שבועות-אקציע פון „בית-לחם"

צום נאהענטען יום טוב שבועות וועט דער „בית לחם" ווידער פערטיילען יום טוב פעקלעך פאר עטליכע הונדערט יודישע ארימע בכבוד'יגע פאמיליעס.

דער „בית לחם" ארדענט איין אויפ'ן קומענדען דינסטאג אן'אבצייכען טאג. די הכנסה איז בעשטימט אויף דעם צוועק, דארף דער דאזיגער אבצייכען טאג אונטערשטיצט ווערען פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט.

ביי דער געלעגענהייט אפעלירט דער „בית לחם" קאמיטעט צו די אלע, וועלכע האבען צוליב געוויסע סבות נישט איינגעצאהלט זייערע נדבות אויף פסח, זאלען זיי עס טהון איצט, כדי מיטצוהעלפען צום ערפאלג פון דער שבועות אקציע, וואס דער „בית-לחם" נעמט אונטער.

די לעצטע טעג פון דער בילדער-אויסשטעלונג פון חיים אוריסאן

די בילדער אויסשטעלונג פון דעם בעקאנטען יודישען מאלער חיים אוריסאן, וועלכע קומט פאר אין לאקאל פון „קלוב טאוואזשיסקי" אלעע 35 ביים גרויסען ערפאלג ווערט געשלאסען זונטאג דעם 14 מאי.

די ליבהאבער פון דער פלאסטישער קונסט האבען דעריבער נאך אין משך פון דריי טעג די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט די אינטערעסאנטע שאפונגען.

די אויסשטעלונג איז טעטיג פון 11 ביז 5 נאכמ.

וויעלונער נייעס.

אין די יודישע בענק אין וויעלון געווארען סובסקריבירט 50.600 זל.

אין „באנק ספולדזיעלטשי" איז דורך 339 יודען געווארען געצייכענט אויף די לופט-שוץ הלוואה די סומע פון 26.100 זל. און די „באנק קרעדיטאווי" — די סומע פון 24.640 זל. דורך 276 סובסקריבענטען.

צוזאמען אלזא 50.740 זל. דורך 615 סובסקריבענטען.

אויסער דעם איז א געוויסע סומע געווארען געצייכענט דורך יודען אין באנק קאמונאלני און אין שטייער-אמט. — צוזאמען קרוב 55.000 זל. פון צירקא 625 פערזאן.

דער גענויער רעזולטאט פון וויעלונער פאוויאט איז נאך נישט פערעפענטליכט געווארען.

א צעווילדעוועט פערד דערהרגעט א מענש.

אויפ'ן הויף פון ראזענבוים, נארוטאוויטשא גאס, האט זיך פלוצלינג צעווילדעוועט א פערד, וועלכעס האט זיך אבגעריסען מיטשלעפענדיג מיט זיך א לייטער פון וואגען.

מיט א בליץ-שנעלקייט האט דאס צעווילדעוועטע פערד גענומען לויפען איבער די גאסען, אריין אין דער אקולנא גאס און פערקירעוועט אויף די קאנסטיטוציע גאס. דארט איז גראד אוועק פון א וואגען מיט א זעקיל קארטאפעל אויפ'ן ארעם א 14-יעהריגער קריסטליכער יונגלינג פון בוגאי, וועלכער האט בעקומען א זעץ פון די נאכשלעפענדע לייטער אזוי אומגליקליך, אז ער איז געהרגעט געווארען אויפ'ן ארט.

אויסצייכנונג פאר א קלאבוצקער איינוואוינער

דער הויפט-פאליציי קאמענדאנט האט אנערקענט א געלד-לוין פאר'ן קלאבוצקער איינוואוינער לעאן אורליק און גלייכצייטיג איהם צוגעשיקט א ספעציעלען דאנק פאר דער הילף, וואס ער האט ערטיילט דער פאליציי. מיט עטליכע חדשים צוריק האט אורליק זיך גענומען נאכיאגען נאך אנ'ענטלויפענדען געפעהרליכען באנדיט, וועלכער איז ענטלאפען פון אונטער דער פאליציי'אישער שמירה און מיט געפאהר פאר'ן אייגענעם לעבען איהם פעסטגעהאלטען און אבגעגעבען צו דער פאליציי.

די הכנסה פון דער שחיטה זיך געבעסערט א דאנק דעם קאמף מיט דער ווינקעל-שחיטה.

א דאנק דעם ענערגישען קאמף מיט דער עופות-ווינקעל-שחיטה, ווי אויך דאס אריינפיהרען ארדנונג אין דער בהמות-שחיטה, ביי וועלכען עס האט בעזונדערע פערדינסטען דער בעאמטער-אינקאסענט פייטל כמורא, האבען זיך די הכנסות פון דער שחיטה בעדייטענד געבעסערט.

עס איז אינטערעסאנט, אז בלויז אין די לעצטע 5 וואכען (פון 3 מערץ ביז דעם 8 מאי) האט זיך לויט פאראיאהר די הכנסה פון דער שחיטה פערגרעסערט מיט איבער 900 זל. (3.308.95 היי-יאהר אקעגען 2.399.50 פאראיאהר).

דאס אלץ קלעקט אבער נישט און עס הערשט לעצטענס אין דער קהלה א קריזיס, אזוי, אז די בעאמטע בעקומען נישט רעגולער אויסגעצאהלט זייערע פענסיעס. די סיבה דערפון איז דאס פערשפעטיגטע איינמאהנען דעם עטאט.

נאך א „מתנה" פון „זשעמפאל"

דער „זשעמפאל", וועלכער האט אונז מזכה געווען מיט א סך מתנות, אהן וועלכע מען האט זיך געקענט בעגעהן, האט ווידער אויפגעטהון א „נייעס", אז קוים דעקט איינער נישט דעם רעכנונג פאר'ן עלעקטרישען שטראם ביז'ן ענטגילטיגען טערמין, ווערט נישט געשיקט קיין שום אינקאסענט, נאר באלד ווערט איהם איבערגעריסען דער שטראם. דערנאך האט דער בעטרעפענדער שוועריגקייטען ביז דער שטראם ווערט ווידער פערבינדען און עס קאסט ווידער א גילדען.

עס דארף זיך דעריבער יעדער מיט די דאזיגע פערשארפטע מיטלען רעכענען און פונקטליך צאהלען די עלעקטראווניע-רעכנונגען.

בעזייטיגט די דייטשע צייטונגען און צייטשריפטען

אלע ערטיגע קאפעען, קיאסקען און צייטונגס-פערקויפער האבען לויט'ן בעשלוס פון פוילישען מערב פערבאנד דערווייטערט פון זייערע לאקאלען אלע דייטשע צייטונגען און צייטשריפטען.

געווארען צושטאכען, געהענדיג ברענגען חפצים פאר'ן „פאן"

נאכדעם ווי גדלי' יאקובאוויטש איז דינסטאג אויף דער נאכט געווען אין דער קהלה, וואו ער האט געמאכט א צוגאב-צייכנונג אויף דער לופט-שוץ הלוואה און איז אהיימגעגאנגען ברענגען ווערט-זאכען לטובה דעם „פאן", איז ער אין הויז פון ראזענבוים, נארוטאוויטשא גאס, געווארען בעפאלען דורך שנצים, וועלכע האבען איהם געמאכט 2 וואונדען אין קאפ מיט א מעסער און געשלאגען מיט שטעקענס.

דעם פערוואונדעטען האט מען באלד גענומען צום ד"ר שוואלבע, וועלכער האט איהם געגעבען די נויטיגע מעדיצינישע הילף.

אין פראטאקאל, וואס די פאליציי האט צוזאמענגעשטעלט, איז דער בעפאלענער חושד אין בעטייליגען זיך און אינספירירען דעם אנפאל זיינס א קאנקורענט.

דער לעצטער האט אין אויפגענומענעם פראטאקאל דורך דער פאליציי געלייקענט וועלכען ס'איז אנטייל אין אנפאל און ערקלערט, אז ער איז כלל נישט געווען דאמאלס אין וויעלון.

די געריכטליכע אויספארשונג וועט דעם ענין בעלויכטען.

צוליעב אונפארזיכטיגקייט פערארזאכט דעם טויט פון זיין געהילף

ער בעקומט א יאהר תפיסה

אין דער צוקראווניע אין ניעדזיעלסק האט פאסירט פאלגענדער אומגליקספאל.

כדי צו לאזען אין בעטריב א פאמפע אין א קאנאל האט דער עלעקטראמאנטער פון דער צוקראווניע אנטאני שקודעלסקי גענומען מיט זיין געהילף, הענריק בזשעזשינסקי דארט ארבייטען. דער מאנטער האט אבער פערגעסען צו פערלייגען דעם טראנספארמאטאר, וואס מאכט קלענער דעם צופלוס פון שטראם פון 220 וואלט אויף 24 וואלט.

אין א געוויסען מאמענט ווען דער געהילף איז געקומען אין בעריהרונג מיט'ן שטראם, האט איהם א כאפ געגעבען דער שטראם אזוי שטארק, אז ער איז געהרגעט געווארען אויפ'ן ארט.

שקודעלסקי איז פערגאנגענע וואך געשטאנען פאר'ן קרייז-געריכט, זייענדיג בעשולדיגט אין פערארזאכען דעם טויט פון געהילף.

דאס געריכט, נאכ'ן בעקענען זיך מיט די איינצעלהייטען, איז געקומען צום אויספיהר, אז דער מאנטער איז ווירקליך שולדיג, אבער נעמענדיג אין אכט מילדערענדע אומשטענדען, וואס ער האט עס געטהון נישט בכיון, נאר אויס אונפארזיכטיגקייט, האט דאס געריכט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, אז ער ווערט פערמשפט אויף א יאהר תפיסה מיט אבלייגען די שטראף אויף 5 יאהר.

די אלמנה פון הרוג האט בעקומען אלס ענטשעדיגונג פון דער צוקראווניע 4.000 זלאטעס און דער בעשולדיגטער האט בעצאהלט זעמטליכע קאסטען פון דער קבורה.

דער יאָהרטאָג נאָך מאַרשאַל פּילסודסקי

עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען דער גענויער פּראָגראַם פון די פייערליכקייטן דעם 12 ד. ח. לכבוד דעם אָנדענקען פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

9 א זייגער פריה וועלן פאָרקומען גאָטעסדינסטען פאַר דער שול יוגענד. נאָך די גאָטעסדינסטען וועט די יוגענד מאַרשירען צום דענקמאָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי, וואו ס'וועלען געלייענט ווערען אויסצוגען פון זיינע ווערק.

10 א זייגער וועלן פאַרקומען גאָטעסדינסטען פאַר די פאָרשטעהער פון דער מאַכט, אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטען א.אז.וו.

נאָך די גאָטעסדינסטען וועט די שול-יוגענד ווי אויך די פאָרשטעהער פון דער בעפעלקערונג זיך צוריק אומקעהרען צו דער נאָרמאַלער בעשעפטיגונג.

7.45 אין אָוונט וועט דאס מיליטער, אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטען זיך צונויפזאַמלען אויף דער יאַסנאַ-גורא. נאָכ'ן ראַפּאָרט וועט פּולק. יאַגיעצקי האַלטען א רעדע לכבוד דעם מאַרשאַל און דאַן וועט מאַיאָר פּיליפּקאָווסקי פאַרלייענען אויסצוגען פון מאַרשאַל'ס שריפטען.

8.44 אין אָוונט וועט א האַרמאַטען-שאָס אויף די קלויסטער-מויערען זיין דער אָנהויב פון 3 מינוטיגען שטיל-שווייגען. דער סוף פון שטילשווייגען וועט ערקלערט ווערען דורך א פייער-ווערק פון די קלויסטער-מויערען. גלייכ-צייטיג וועט איבער דער גאַנצער שטאָדט זיך הערען דאס פייפען פון סירענעס און קלאַנג פון די גלאָקען-קירכען, וואס וועט דויערען ביז 8 53 אָוונד.

גלייכצייטיג וועט אינ'ם מאָמענט, ווען דער מאַרשאַל האט אויסגעהויכט זיין נשמה אין זשעלאַזאָ-גורא, געבען ראַקיב אָנגעצינדען ווערען א מעכטיג פייער.

א שטימונגס מאָמענט וועט זיין, ווען דאס מיליטער וועט געמיינזאם אָבזאָגען דאס געבעט און דערנאָך וועט גע-שפּילט ווערען שאָפּען'ס טרויער-מאַרש.

דאַן וועט זיך פאָרמירען א צוג צום דענקמאָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי, וואו ס'וועלען בעת'ן 1-מינוטיגען שטילשוויי-גען געלעגט ווערען קרענץ.

פייערליכע טרויער-הזכרה צו דער דריטער יאָהרצייט פון רב ז"ל

דינסטאַג, צו דער דריטער יאָהרצייט פון הרב נחום אַש ז"ל, איז ביים קבר פאָרגעקומען א פייערליכע הזכרה.

אויפ'ן בית עולם האבען זיך פערזאַ-מעלט די קינדער פון רב ז"ל, ראַבי-נאַס, קהלה פאָרשטעהער און א גרויסער עולם.

נאָכדעם ווי מען האט ביים קבר געזאָגט תהילים, האט ר' משה האַלטער געהאַלטען א גרעסערען הספד, וועלכער האט אויף אַלעמען געמאַכט א שטאַר-קען איינדרוק. עס רעדט נאָך דער תלמיד פון רב ז"ל ה' ב. פייגענבוים.

דער שטאָדט-חזן ה' כאַלעווא מאַכט דאַן די הזכרה און דער כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראָטענ-בערג זינגט די געהעריגע קאַפּיטלען תהילים.

א לענגערע צייט איז נאָך דער עולם געשטאַנען ביים קבר פערזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען איבער דער אבידה שאינה חוזרת.

די קאַנדידאַטען - ליסטעס צום שטאָדט-ראַט - דעם 13-טען ד.ח.

די אָפיציעלע בעקאַנטמאַכונגען, וואס וועלען ענטהאַלטען די אויסצוגען פון די קאַנדידאַטען אויף ראַטמענער אין די בעזונדערע ראַיאָנען צום היגען שטאָדט-ראַט וועלען ארויסגעקלעבט ווערען אויף די גאַסען דעם 13 דח.

די בעקאַנטמאַכונגען וועלען פונאַנ-דערגעקלעבט ווערען דורכשניטליך צו 7-8 עקזעמפּלאַרען אין יעדען קרייז. בסך הכל זענען פערהאַן 12 קרייזען.

א פעראיין צו שמוגלען פּאַסאַזשירען און דעוויזען קיין דייטשלאַנד

דאס היגע קרייז-געריכט האט עהער-נעכטען בעטראַכט אַנ'אינטערעסאַנטען פּראָצעס פאַר שמוגלען פּאַסאַזשירען און דעוויזען קיין דייטשלאַנד. אויף דער בעשולדיגונגס באַנק זענען געזעסען 14 פערזאָן, דערונטער 5 פרויען. דער בעשולדיגונגס אַקט ווארפט פאָר: טעאָ-דאָר פיש פון נאָווע-גורקי, יוזעף מאַר-טשאַק פון אַלט קושעפיץ און זיין ברו-דער פּאַוועל מאַרטשאַק, אז אין דער צווייטער העלפט פון פאָריגען יאַהר, אויפ'ן שטח פון טשענסטאָכאָווער פּאָ-וויאַט און פיש - אין לאָדז, האבען זיי געגרינדעט און אָנגעפיהרט מיט א פעראיין, וואס האט דעם ציעל צו שמוגלען פּאַסאַזשירען קיין דייטשלאַנד, אָהן דאָקומענטען. אויסערדעם זענען פיש און יוזעף מאַרטשאַק אָנגעקלאַגט געוואָרען דערפאַר, וואס אין דער נאַכט פון 16-טען אויפ'ן 17 טען יאַנואַר ה. י. זענען זיי אונלעגאַל אריבער די גרעניץ קיין דייטשלאַנד און צוריק.

אויסער די דערמאָנטע זענען אויך געמשפּט געוואָרען פאַר געהערען צום פעראיין און שמוגלען דעוויזען: מאַריאַן באָרעצקי פון אַלט-קושעפיץ, לעאָפּאָלד נאָל, זיין פרוי אירמאַ, לאורא פּאַצער, אַדאָלף פּאַצער, עלזאַ טשערקאַסקאַ, אירעַ טעשנער, יאַדוויגא מאַרסקאַ, שלום ברוך מאַרקאָוויטש און סענדער חיים לאַקס.

דאס קרייז געריכט האט ארויסגע-טראָגען דעם אורטייל אינ'ם גרויסען פּראָצעס פאַר שמוגלען פּאַסאַזשירען און דעוויזען קיין דייטשלאַנד.

דער הויפּט-אָנגעקלאַגטער טעאָדאָר פיש איז פערמשפּט געוואָרען אויף 4 יאהר תפיסה, יוזעף מאַרטשאַק – 2 יאהר, פּאַוועל מאַרטשאַק – 18 חדשים, מאַריאַן באָרעצקי – 6 חדשים מיט אָבלעגען, לאורא פּאַצער – 18 חדשים מיט אבלעגען, אדאָלף פּאַצער – 1 יאהר, עלזאַ טשערקאַסקאַ – 3 חדשים, עלזאַ טעשנער און יאַדוויגא מאַרסקאַ– צו 1 חודש, יעקב גוטערמאַן-6 חדשים מיט אבלעגען, ברוך מאַרקאָוויטש און חיים לאַקס – צו 6 חדשים און 300 זלאָטעס. גלייכצייטיג האט דאס געריכט פעראָרדנט צו קאָנפיסקירען 5.200 מאַרק, וועלכע דאס פּאָ-פּאָלק פּאַצער האט געפּרובט אריבערצופיהרען קיין דייטשלאַנד.

אין בעצוג צום פּאָרפאָלק אירמא און לעאָפּאָלד נאָל, וועלכע האבען זיך נישט צוגעשטעלט צום פּראָצעס, האט דאס געריכט בעשלאָסען אָנצווענדען איינבעדינגטען ארעסט. און זייער פּראָ-צעס אויסבושליסען און צו בעטראַכטען בעזונדער.

דער יובל פון „מאָרגענשטערן"

דעם 27 און 28 מאַי פייערט דער טשענסטאָכאָווער „מאָרגענשטערן" זיין 2-יעהריגען יובילעאום. אין די טעג וועלען פאָרקומען פערשידענע אימפּרע-זען. שבת 3 נאכמ. וועט פאַרקומען אויפ'ן שטאָדטישען ספּאָרט פּלאַץ א טורנעע פון פוטבאָל. עס ווערען פער-בעטען פאָלגענדע קלובען: „גוויאַזדאַ", „מכבי", „אַדמיראַ". פון יעדען קלוב צו 7 שפּילער. דער פינאַליסט בעקומט א ווערטפולע מתנה אין דער פאָרם פון א בעכער.

דעם זעלבען אָוונד קומט פאַר דער טראַדיציאָנעלער באַל, אויף וועלכען ס'וועלען ווערען פערטיילט די אויס-צייכנונגען.

זונטאַג: 9 פריה קומט פאַר א וועט-לויף. עס ווערען פערבעטען פאָלגענדע קלובען: הפועל, מכבי, גוויאַזדאַ, סקרא און אַדמיראַ. די ערשטע דריי ערטער בעקומען זשעטאָנען און דיפּלאָמען.

3 נאכמיטאג קומט פאַר א פינג-פּאָנג טורנעע (מיידלען) מיט'ן אנטייל פון פאלגענדע קלובען: מכבי, גוויאַזדאַ, הפועל און לאָקאַל פון מאָרגענשטערן. דאס ערשטע אָרט בעקומט א ראַקעט אין זילבער אויסגעקריצט. די ווייטער-דיגע 2 ערטער בעקומען דיפּלאָמען.

דער „זשוב" — פאַר'ן „פּאָן".

די פערוואַלטונג פון יודישען קאָמ-באַטאַנטען פעראיין „זשוב" נעמט אָן געלד ווי אויך חפצים פון דער יודי-שער בעפעלקערונג פאַר'ן „פּאָן".

כדי צו ערמעגליכען דער יודישער געזעלשאַפט אנטייל צו נעמען אין דער גרויסער זאַך פאַר דער נאַציאָנאַלער פערטיידיגונג וועט אין לאָקאַל פון הויזווירטען פעראיין דיזשורירען א פאָרשטעהער פון „זשוב" יעדען טאָג פון 4 ביז 6 נאָכמיטאג.

פון יודישען האַנדווערקער-לעבען.

שבת, דעם 13 מאַי פונקטליך 11 א זייגער פריה קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל א אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון אַלע פערוואַלטונגס מיטגלידער פון די צעכען.

זונטאג דעם 14 מאַי פונקטליך 6 30 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָ קאָל א אויסערגעוועגליכע פערזאַמלונג פון אַלע האַנדווערקער מיטגלידער אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטעהענדע שטאָדט-ראַט-וואַהלען.

א וויכטיגע קאָנפערענץ אין קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום

דעם 12 טען ד. ח. וועט אין קאָמוני-קאַציע-מיניסטעריום אין וואַרשא פאָר-קומען א קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'וועט ארומגערעדט ווערען די פראַגע פון בעדינען די פּילגרימער-טוריסטישע בעוועגונג קיין טשענסטאָכאָוו און דאס אָרגאַניזירען א שטענדיגען דינסט פון דער דאָזיגער בעוועגונג.

אין דער דאָזיגער קאָנפערענץ, וועל-כע האט א וויכטיגע בעדייטונג פאַר אונזער שטאָדט, וועלען זיך בעטייליגען פאָרשטעהער פון דער היגער שטאָדט-פערוואַלטונג.

אַרום דעם בוי פון א גאַזאָווניע

ווי בעוואוסט, איז שוין נישט איינ-מאָל אונטערגענומען געוואָרען אַנ'אַקציע צו בויען א גאַזאָווניע אין טשענסטאָ-כאָוו. אין די ערשטע יאָהרען פון דער אונאָבהענגיגקייט איז זאָגאַר געלונגען צונויפצוזאַמלען א גענוג בעדייטענדע סומע אויפ'ן דאָזיגען צוועק. ס'האט זיך אָבער געענדיגט דערמיט, וואס דאס צונויפגעזאַמעלטע געלד איז שנעל דעוואַלואירט געוואָרען און די געזעלשאַפט צו בויען א גאַזאָווניע איז איינגעשלאָפען. אַלס אָנדענק דערפון איז געבליבען בלויז א גאַזאָווע גאַס, אויף וועלכער די געזעלשאַפט האט געקויפט א פּלאַץ.

איצט איז די פראַגע פון בויען א גאַזאָווניע ווידער געוואָרען אַקטועל, ווייל די בעקאַנטע פירמע „צעגעלסקי" אין פּריוואַט, האט בדעה אריינצולעגען אין דער דאָזיגער אימפּרעזע אַנ'ערך 2 מיליאָן זלאָטעס. פאָרלויפיג איז נאָך דער ענין נישט קאָנקרעטיזירט געוואָ-רען, ווייל די שטאָדט-פערוואַלטונג האט נישט בעקומען קיין פּראָפּאָזיציע.

די צאָהל אַרבייטסלאָזע אין טשענסטאָכאָוו און אין פּאָוויאַט

די אַלגעמיינע צאָהל אַרבייטסלאָזע, וואס זענען רעגיסטרירט אין דער אָרטיגער עקספּאָזיטור פון אַרבייטס-פאָנד בעטרעפט 8.000, דערפון אין דער שטאָדט 7.500 און די רעשט – אויפ'ן פּאָוויאַט.

אויף די שטאָדטישע עפענטליכע אַרבייטען זענען בעשעפטיגט אַנ'ערך 1400 אַרבייטסלאָזע, קיין סאָנדאָמיעזש ביים פערזיכערן די ברעגעס פון דער ווייסעל זענען ארויסגעשיקט געוואָרען 150 אַרבייטסלאָזע, 100 – אויף וואָלין.

פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער-פערבאַנד

די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער-פערבאַנד מאַכט בעקאַנט אַלע איהרע מיטגלידער, וועלכע האבען געצייכנט די נאַציאָנאַלע לויט פערטיידיגונגס-הלוואה נישט דורך דער פערמיטלונג פון פער-איינס סעקרעטאַריאַט, אז זיי זאָלען קומען אין משך פון היינטיגען טאָג פון 9 פריה ביז 9 אָוונד און רעגיסטרירען זיך וויפיעל ווער עס האט געצייכנט, כדי צו בעקומען דעם געהעריגען דיפּ-לאָם, אז זיין חוב לגבי דער מלוכה איז דערפילט געוואָרען.

די מיטגלידער, וועלכע וועלען זיך נישט רעגיסטרירען וועלען קיין בעשיי-ניגונג נישט בעקומען.

KINO „EDEN".

היינט פרייטאג ווערט נישט געשפּילט.

Fernandel

אין פרעהליכען פילם פון סעזאָן

Wesoły ordynans

הערליכער נעזאַנג.

מעקסיקאַנאַ - טאַנץ.

א האלבער זאַל 80 גר., א האַרבער – 54 גר.

Kino STYLOWY

Aleja 27.

היינט פרייטאָג ווערט נישט געשפּילט.

פון מאָרגען, שבת דער הערליכער פילם

Powrót o świcie

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

פילצ 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשעז מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פרייז 12 גר.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריניגען און פּאַטענירען קאַמעלוש. די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

געשטאָרבען פון אַרויסנעהמען א צאָהן

אַנ'אויסערסט טראַגישער פאַל האט פּאַסירט מיט דער 21 יעהריגער פרייליין טאַבטשאַ שווידערסקאַ אין לוטוטאָוו.

פרל. שווידערסקא האט זיך געלאָזט ארויסנעהמען א צאָהן ביי א דאָרטיגען פעלדשער. דורך דער עפענונג פון גימען האט אבער דאס בלוט גענומען אָבלוי-פען און מען האט עס נישט געקענט אָבשטעלען. מען האט די אומגליקליכע איבערגעפיהרט קיין וויעלון אין שפּי-טאָל, וואו די דאָקטוירים האבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה, אָבער אָהן ערפאָלג. אויפ'ן ניינטען טאָג איז די אומגליקליכע געשטאָרבען פון בלוט-לאָזיגקייט.

דער אויסטערלישער פאַל, מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער ענדע, האט געמאַכט א שווערען איינדרוק.

נדבות אין רעדאַקציע פאַר „תומכי עניים"

די ברידער קאָנגרעצקי צו דער יאהרצייט פון זייער פערשטאָרבענע מוטער 4 זל.

ה' א. שמיעטאַנא צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יחזקאל ליביצקי צו דער יאהר-צייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 5 קילאָ ברויט.

„מכבי" — „ווילק" (ראַדאָמסק)

זונטאַג, דעם 14-טען ד. ח. אויפ'ן אייגענעם ספּאָרט-פּלאַץ פון „מכבי" וועט פאַרקומען אַנ'אינטערעסאַנטער פוטבאָל-מייסטערשאַפטס - מעטש וועגען „ב" קלאַס צווישען „מכבי" און דעם שטאַרקען „ווילק" פון ראַדאָמסק.

„ווילק" איז דער יעצטיגער לידער פון דער טאַבעלע און קאַנדידאַט אויף דער מייסטערשאַפט. „מכבי" שטעלט ארויס די בעסטע מאַנשאַפט. אנהויב פון דאָזיגען אינטערעסאַנטען מעטש 11 פאַרמיטאג.

„מכבי" — „אַדמיראַ" 2:1

דער מייסטערשאַפט - מעטש וועגען „ב"-קלאַס צווישען די אויבענדערמאָנטע מאַנשאַפטען, וועלכער ווערט אָנגערופען אין די היגע יודישע ספּאָרט-קרייזען „די הייליגע קריעג", האט צוגעצויגען א גרויסען עולם צושויער. דער מעטש האט זיך נאָך א פערביסענעם קאַמף געענדיגט מיט'ן פערדינטען זיעג פון „מכבי" 2:1. דער מעטש איז געפיהרט געוואָרען אין א שנעלען טעמפּאָ. די „מכבי" סימפּאַטיקער מיט די בלוי-ווייסע פעהנדלעך דאָפּינגירען שטאַרק די מאַנשאַפט.

די גאָלען פאַר „מכבי" האבען גע-שאָסען: סעצעמסקי און מושקאַט. פאַר „אַדמיראַ"–זאַוואַדזקי.

פון דער „מכבי"-מאַנשאַפט האבען זיך אויסגעצייכנט: דער גלענצענדער טויערמאַן סעצעמסקי, וועלכער האט איבערגעשטיגען זיין קאָנקורענט פון „אַדמיראַ" מיט א גאַנצער קלאַס, גליקס-מאַן דער בעסטער שפּילער אויפ'ן פּלאַץ, מושקאַט און סעצעמסקי.

מיט'ן דאָזיגען נצחון ערגאַבערט „מכבי" ווידער צוויי וויכטיגע פונקטען אין דער טאַבעלע.

מיט'ן מעטש האט אָנגעפיהרט זעהר גוט ה' שליווצינסקי.

ק.

Kino „LUNA"

היינט פרייטאג ווערט נישט געשפּילט.

ווידער ט. דאָלענגאַ - מאָסטאָוויטש אויפ'ן עקראַן

ריהרענדע דראַמע פון דריי יונגע מענשען, אַרויסגעריסענע פון זייער אומגעבונג

TRZY SERCA

דריי הערצער – דאס איז אייער אייגען לעבען, דאס איז אייער קאַמף וועגען גליק.

ערלויבט פאַר יוגענד פון 18 יאָהר.

Red. E. Bocian Częstochowa Aleja 6, Wyd. B. Bocian i Sz. Frank Druk. B. Bocian, Aleja 6